STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04182

GOT ODER NATUR

Victor I. Wershow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאָט אָדער נאַטור
ו. ווערשאַוו

גאָט

אָדער

נאַטור

ו. ווערשאַוו

ניו־יאָרק, 1945

געווידמעט מיין פֿאָטער סעמיועל ווערשאָוו

KATZMAN

Jewish Theological Seminary of America
LIBRARY
WITHDRAWN

Copyright by
FANNIE WERSHOW
1945

TENNY PRESS
250 West 54th Street
New York City
158

Printed in U. S. A.

איז פֿאַראַן אַ גאָט ?

און

וואָס איז גאָט ?

אַן אָפּהאַנדלונג דורך אַ וויכּוח
איבער גאָט און רעליגיע, נאָך
דער לאָגיק פֿון אַן „עמך"

פֿון

ו. ווערשאָוו

אַן עולם צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָלקס-שיכטן
איז זיך צונויפֿגעקומען אונטער גינסטיקע אומשטענדן צו
אורטיילן איבער דעם וויכּוח.

לייטענדע פּערזאָנען :

דער פֿאָרזיצער — אַן אַ נאָמען
דער ניט-גלויביקער — בן שלמה
דער איבערצייגטער אין אַ גאָט — בן צבי

ערקלערונג

דער פּאַרפֿאַסער פֿון דיזען ווערק האָט אָפּגעגעבען פֿיל צייט אום זיך צו צוהערען צו ויכּוחים צווישען מענשען פֿון דורכשניטליכער בילדונג איבער דער פֿראַגע פֿון גאָט און רעליגיע. פֿילע פֿראַגעס זיינען ענטשטאַנען פֿון די וואָס גלויבען ניט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, ווי אויך פֿראַגעס און ראיות פֿון געגנערס פֿון רעליגיע. דער מחבר האָט אויך אָפּגעגעבען פֿיל צייט צו שטודירען זייערע טענות, אום צו קענען ווי ווייט מעגליך צו פֿאַרענטפֿערען זיי נאָך דער לאָגיק פֿון אַן „עמך", ווייל ער פּרעטענדירט ניט צו זיין אַ פֿילאָזאָף אָדער געלעהרטער. ער געהט צו צו דער פֿראַגע מיט דער לאָגיק פֿון אַ פּשוט'ן מענטשען — אַ מענש פֿון פֿאָלק.

פֿאָרוואָרט

די שווערסטע אויפֿגאַבע פֿון איטלעכן פאַסמער, ווי אַ גוט־
באַהאַווענטער אין דער קונסט פֿון שרייבן, איז צו פֿאַרפֿאַסן אַ ווערק
וועגן גלויבן אין גאָט. פֿאַרשידענע עהנליכע טהעמעס, ווי למשל, גע־
שיכטע, מאַטעמאַטיק, פֿילאָזאָפֿיע, פֿיזישע וויסנשאַפֿט, א. ד. ג., קענען
ערקלערט ווערן פֿון מחבר, ווייל אויף זיי קאָן ער זיך שטיצן און באַזירן.
אויסער דעם מוז דער שרייבער, ווי געוועהנליך, האָבן געניטע פּראַק־
טישע, טעאָרעטישע און לאָבאָראַטאָרישע ערפֿאַרונגען, אָהן וועלכע ער
קאָן ניט באַשפּרעכן, אָדער באַשרייבן, זיינע שלאָגענדע און איבערציי־
גענדע, ווי אויך זיינע אונטעררייכטענדע פֿאַקטן און אַרגומענטן. אָבער
שרייבן אַ בוך וועגן גאָטהייט, אַ זאַך וואָס איז פֿיעל אָפּהענגיג פֿון גע־
פֿילען, דאָס רוב רעליגיעזע, און צומאָל טיף אַריינבליקן אין גאַנצן
עולם ומלואו, פֿאָדערט זיך אַזעלכע מעלות מיט וועלכע ניט יעדער פשוט׳ער
בשר ודם איז געבענטשט, איבערהויפּט נאָך ווען דער פֿאַרפֿאַסער שטעלט
זיך פֿאַר זיין אויפֿגאַבע צו נעהמען אין אַנבאַטראַכט צוויי קלאַסן לעזער
וואָס דענקען וועגן גאָטהייט: גלויביגע און אונגלויביגע. דערצו פֿאָדערט
זיך אוודאי אַ ראַציאָנאַלע וויזיאָן, אַ קלאָרער באַגריף, אַ געזונטער פֿאַר־
שטאַנד, אַרויסצובריינגען די צוויי פּרוד הלבבות און חלוקי דעת פֿון דעם
„אני מאמין״ און „כופר בעיקר״.

אמת, ביכער וועגן גאָט, וועגן גלויבן, וועגן אַ כח פֿון לפֿני
משורת הדין, זיינען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן עד בלי די; אָבער אַזעלכע טעמעס
זיינען באַהאַנדעלט געוואָרן עד כאן ענטוועדער פֿון טהעאָלאָגען, מענשען
וואָס האָבן לאַנג שטודירט די גאָטהייט אָדער רבנים, צדיקים און גלאַט
העכסט פֿרומע לייט צווישען אלע אומות, וועלכע האָבן זיך פֿאַרלאָזט
מעהר אויף דרש ווי אויף פשט, — דאָס הייסט, מעהר אויף נסים און
השארות ווי אויף ממשת׳דיגעס אין לעבן.

וואָס דאָס פֿאָלק אָבער זוכט און דאַרף יאָ האָבן, זיינען ניט קיין
פלפול׳דיגע רמזים מיט גימטריות, נאָר אַן אַפּעלירענדיג שפּראַך פֿון

פאָלקס־מענש, וואָס זאָל שטימען מיט׳ן באַגריף פון דורכשניטליכען מענ־שען׳ס שכל. אָט אַזאַ סטיל פון שרייבען געברויכט דער פּראָפעסאָר פון דיזען ווערק מיט גלענצענדען ערפאָלג. ער ערהויבט דעם לעזער צו פיינע געפיהלען פון זעלבסט־דענקען, און דערמיט ברייננגט ער צוזאַמען רוחניות מיט גשמיות, דאָס גייסטיגע און קערפּערליכע, אין אַ שעהנעם „אחד״. אין אַ שעהנער האַרמאָניע דורך לאָגיש דענקען.

דעם שרייבער פון דיזע שורות איז פילע מאָל אויסגעקומען לעזען און קאָמענטירען איבער ענליכע ביכער וועגען גאָטהייט, וועלכע זיינען פאַרפאַסט געוואָרען פון ערליכע און פרומע אידען וואָס האָבען אין זינען געהאַט צו פאַרטיידיגען די עהרע פון גאָט און תורה;ליידער, אָבער, איז דער נוסח פון זייער אינהאַלט און אַרט שרייבען אַזוי שווער, אַזוי אָנגע־פּיקעוועט מיט ראשי תיבות, מיט פאַרקירצונגען און מיט פראַזען פון אור־אַלטער, אַז כדי זיי צו פאַרשטעהן דאַרף מען גוט קענען תלמוד, תוספות, משנה, שוין ניט רעדענדיג פון קלאָר זיין אין תנ״ך, רש״י, און וויפיל פון אונז, איבערהויפּט דער פשוט׳ער פאָלקס־מינש, קאָן דאָס פאַרשטעהן די האַרבע ווערטער און פראַזען פון אַזעלכע ספרים? וויפיל פון יעדען בן אדם, וואָס וואָלט וועלען פאַרשטעהן אַזאַ בוך, איז ליידער געצוואונגען עס עפּע־נען און באַלד פאַרמאַכען, ניט זייענדיג אומשטאַנד צו צוקייען דעם שווערען אינהאַלט?

ו. ווערשאַוו׳ס בוך „גאָט אָדער נאַטור״, זייענדיג געשריבען אין אַ פאָלקסטימליכען אופן, וועט אָהן צווייפעל געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג. עס מעג רעקאָמענדירט ווערען ניט נאָר צו די עמכ׳ס, צום פּשוט׳ן פאָלק, נאָר אויך צו איינפאַכע אינטעליגענטען, וואָס אינטערעסירען זיך מיט דער פאַרשונג פון גאָטהייט, ווי אויך אמת־זוכער אויפ׳ן געביט פון מענשליכען גלויבען.

עס איז אויך קיין ספק ניט, אַז דער ספר „גאָט אָדער נאַטור״ וועט זוכה זיין איבערזעצט ווערען אויף ענגליש און אויך העברעאיש און וועט אומשטאַנד זיין צו באַלייכטען פילע צווייפלען און געדאַנקען פון אַזעלכע וואָס אינטערעסירען זיך מיט דער אייביגער פראַגע פון עוויגען גאָט.

דר. מאָרים ליפשיץ

פּרינציפּאַל אַמעריקאַן פּריפּערעטאָרי סקול
פילאַדעלפיער קאָמוירשל מוזעאום, סעמיטישער דעפּאַרטמענט

אינהאַלט פֿון בן שלמה'ס פֿראַגעס

א) ווי אַזוי דער האַלב־ווידער מענש דורך זיין אומוויסענהייט איז געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ וועזען ווי אַ גאָט.

ב) אויב עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, וואָרום איז ער אַזוי גרויזאַם צו זיינע בריאות און דערלאָזט אַזויפֿיל בלוט־פֿאַרגיסונג צווישען דער מענשהייט.

ג) אויב אַ גאָט האָט באַשאַפֿען די וועלט, וואָרום האָט גענומען ביליאָנען יאָהרען זי צו ענטוויקלען?

ד) אויב מען האָט באַדאַרפֿט אַ גאָט די וועלט צו באַשאַפֿען, טאָ ווער האָט איהם באַשאַפֿען ?

ה) אויב מען קאָן קומען צו דער איבערצייגונג דורך לאָגיש דענקען, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, טאָ וואָרום גלויבען הונדערטע מיליאָנען מענשען אין גאָט דורך גלויבען און ניט דורך איבערצייגונג ?

ו) איז רעליגיע טאַקע אַן אָפּיאום פֿאַר'ן פֿאָלק און זאָל אונטערדריקט ווערען ?

ז) איז עס אמת, אַז גאָט האָט גערעדט צו אַ בן אדם פּה אל פּה ?

ח) אויב גאָט האָט צו קיינעם גערעדט, טאָ ווער ווייסט, אַז עס איז זיין ווילען אַז מיר זאָלען רחמנות האָבען און העלפֿען איינער דעם צווייטען ?

ט) הערט זיך גאָט צו צו די תּפילות פֿון די וועלכע בעטען איהם אויף געזונד, פּרנסה און אַנדערע נויטווענדיגקייטען ?

י) און אויב עס איז אַפֿילו פֿאַראַן אַ גאָט, וואָס פֿאַר א נוצען קאָן ער ברייגגען דער מענשהייט, ווען מיר זעהן אַז פֿאַר יעדער פֿאַרבעסערונג און פּראָגרעס מוז די מענשהייט פֿאַרגיסען אַזויפֿיל בלוט און ליידען חבלי גהינם ביז זי דערגרייכט אַ טהייל פֿון איהר ציעל ?

אויף די אַלע פֿראַגעס פֿון בן שלמה
קריגט ער אַן ענטפֿער פֿון בן צבי

I

פֿאַרזיצער: פֿריינדע, ווי איך איז באוואוסט, האָבען מיר זיך דאָ אַלע פֿאַרזאַמעלט אויסצוהערען דעם ויכּוח וואָס דאַרף פֿאָרקומען צווישן די צוויי אָפּאָנענטען, „בן שלמה" און „בן צבי". די דעַ־באַטע איז: **איז פֿאַראַן אַ גאָט, וועלכער פֿירט די וועלט, און וואָס איז גאָט?** בן שלמה, וועלכער לייקענט אָפּ די עקזיסטענץ פֿון אַ גאָט, קומט צו ערשט.

בן שלמה: מיינע געערטע צוהערער: איידער איך הויב אָן ערקלערען ווארום איך גלויב ניט אין דער עקזיסטענץ פֿון אַ גאָט, וועלען מיר מוזען באַשפּרעכען וואָס איז געווען די אורזאַכע וואָס האָט געווירקט אַז מענשען זאָלען אָנהויבען גלויבען אין אַ גאָט. ווארעם פונקט אַזוי ווי אַ דאָקטאָר היילט ניט די סימפּטאָמען פֿון אַ קראַנקהייט, נאָר דורך די זאָגענאַנטע סימפּטאָמען געפֿינט ער אויס די חולאת, און היילענדיג זי, ווערען די סימפּטאָמען פֿון זיך אַליין פֿאַרשוואונדען, אַזוי וועלען מיר אויך דאָ באַנוצען די זעלבע מעטאָדע. מיר וועלען פֿריער אויסגעפֿינען די אורזאַכע, ווארום האָבען מענשען אָנגעפֿאַנגען גלויבען אין אַ גאָט, און ווען מיר וועלען ענטדעקען די סיבה, וועט עס זיין גרינגער פֿאַר אייך צו באַגרייפֿען ווי לאָגיש מיינע ארגומענטען זיינען, ווען איך דריק אויס מיין צווייפֿעל אין אַ גאָט עקזיסטענץ. פֿילע פֿון אייך דאָ, דענק איך, האָבען אוודאי געלעזען ווי אַזוי דער האַלב־ווילדער

מענש, ניט וויסענדיג ווי אזוי צו ערקלערען געוויסע נאטור ערשיי־נונגען, האט ער זיי פארענטפערט מיט דעם נאמען „גאט”. חיות, ווען זיי ווערען איבערגעשראקען אויף איין פלאץ איינינגע מאל, קריצט זיך דאס שרעק איין אין זייער אינסטינקטיווען מוח אזוי ווירקבאר, דאס זיי ווילען נאך אמאל דיזען „טעראר־פלאץ” אויס־מיידען. מענשען, וועלכע זיינען ערפארען מיט פערד־צוכט, ווייסען: דאס ווען א פערד פאלט אויף איינעם און דעם זעלבען פלאץ א פאר מאל, וועט ער זיך פאר׳עקשנ׳ען דורך צו מאכען ווידער אמאל דעם זעלבען שריט.

— דער אונטערשייד פון א חיה ביז דעם האלב־ווילדען מענ־שען איז, ווערענד א חיה וועט בלויז געדענקען דעם פלאץ וואו דער שרעק האט מיט איהר פאסירט, האט אבער דער האלב־ווילדער מענש, ווען מיט איהם האט עפעס שרעקליכער געטראפען, ניט נאר געדענקט דעם צופאל, נאר ער האט מיט דער צייט אויך זיך געפרעגט: ווארום האט עס פאסירט? צום ביישפיל: ווען דער האלב־ווילדער מענש האט געזעהן ווי א דונער האט דער׳הרג׳עט זיין ווייב, אדער זיין קינד, איז ניט נאר האט ער זיך באהאלטען ווען עס האט אנגעפאנגען דונערען, נאר ער האט זיך געפרעגט: „וואס איז דאס? פון וואנען און פון וועמען קומט עס?” ניט וויסענ־דיג וואס די אורזאכע איז, איז ער געקומען צום באשלוס, אז דאס איז, אדער מוז זיין, עפעס א לעבעדיגע קראפט וואס פאדערט קרבנות... אום זיך צו שיצען פאר אט דער בייזער קראפט, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען „גאט”, האט ער מקריב געווען קרבנות צום „דונער גאט” כדי ער זאל איהם ניט באשטראפען. אפילו איצט וועט איהר נאך געפינען מענשען וואס שטעלען א גלאז וואסער אויף א פענסטער ווען עס דונערט; זיי האלטען עס פאר א סגולה, דער דונער זאל אין זייער הויז ניט אריינפאלען. דאס

איז אַן איבערבלייבונג פֿון דער האַלב־ווילדער פּעריאָדע, ווען מענ־שען האָבען געגלויבט אין אַ „דונער גאָט".

— אַנדערע ווילדע מענשען, וועלכע האָבען זיך געפֿונען ביי גרויסע טייכען, ווען אַ פֿאַרפֿלייצונג האָט פֿאַרטרונקען זייער האָב־און־גוטס און צומאָל אויך מענשליכע לעבענס, האָבען זיי אויך געדענקט אַז דער טייך־גאָט איז הונגעריג און בייז אויף זיי. כּדי דעם טייך־גאָט צו באַפֿרידיגען, האָבען זיי אַריינגעוואָרפֿען אין טייך פֿאַרשידענע עסענוואַרג און אַפֿילו אויך לעבעדיגע און זאָגאַר מענש־ליכע קרבנות. איצטיגע צייטען אַפֿילו געפֿינען מיר נאָך מאַנכע אַבערגלויבער, וואָס גלויבען נאָך, אַז דער טייך מוז יעדען יאָהר קריגען זיין קרבן. איך געדענק ווען איך בין געווען אַ קליינער אינגעל און וועלענדיג זיך באָדען אין טייך אין אונזער קליין שטעדטעל, האָט מיר מיין באָבע, ע"ה, געזאָגט: „געה ניט, קינד מיינס, צום טייך; היינטיגס יאָהר האָט נאָך דאָס וואַסער זיין קרבן ניט גענומען; וואַרט ביז דער טייך וועט באַקומען זיינס, דאַן וועסטו זיך קאָנען באָדען".

— ווי מיר זעהן, איז די אורזאַכע וואָרום מענשען האָבען אַנגע־פֿאַנגען גלויבען אין אַ גאָט פּשוט דערפֿאַר ווייל זיי האָבען ניט געוואוסט זי אַזוי צו ערקלערען געוויסע נאַטור־ערשיינונגען, דערי־בער האָבען זיי עס אָנגענומען פֿאַר אַ גאָט אָדער געטער.

— און ווייל מענשען האָבען זיך אויפֿגעהאַלטען אין פֿאַרשי־דענע טיילען פֿון ערד־קוגעל, האָבען זיי געהאַט פֿאַרשידענע געטער. צום ביישפּיל: האָבען זיי זיך געפֿונען צווישען בערג, איז דאַן דער גרעסטער באַרג געווען דער הערשער־גאָט; ביי שטראָמען וואַ־סער — איז דער גרעסטער טייך געווען דער גייסט־רעגירער; נאָהענט צו וועלדער — זיינען פֿאַרשידענע חיות געווען זייער געטליכע אויבערמאַכט. אויך זיינען ביי זיי געווען גוטע, שלעכטע,

ווי אויך בייזע געטער. די זון — אַ גוטער גאָט; די לבנה — אַ גוטע געטין (אַ נקבה גאָט), און פֿון די עלעמענטען פֿון נאַטור, פֿון וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען פֿיל צו ליידען — זיינען דאָס געווען די בייזע געטער.

— ווי מיר זעהן, אַלזאָ, איז דער גלויבען אין אַ גאָט אַן איבער־בלייבונג פֿון דעם פּרימיטיווען מענש, וועלכער האָט ניט פֿאַרשטאַ־נען אַז אַלעס איז פֿון דער נאַטור. דערפֿאַר האָט ער אויך ניט געוואוסט ווי אַזוי אַלעס צו ערקלערען אויף אַ נאַטירליכען אופֿן.

— יעצט וועל איך פֿרעגען מיין פֿריינד בן צבי, ווי אַזוי קאָן אַן אינטעליגענטער מענש גלויבען, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, וואָס האָט באַשאַפֿען און פֿירט די וועלט? ווי קאָן גאָט צוזעהן ווי אַ גרויסער טייל פֿון דער מענשהייט, וואָס ער האָט באַשאַפֿען „בצלם אלהים", מוטשען זיך אין די פֿאַבריקען און מינען, און אַרבעטען שווער און ביטער פֿאַר דעם שטיקעל ברויט, ליידענדיג אויך פֿון פֿאַרשידענע קראַנקהייטען? ווי אַזוי קאָן גאָט צונעמען אַ יונגע מוטער'ם לעבען און צוזעהן ווי אירע קליינע קינדערלעך געהן אוים פֿון בענקשאַפֿט נאָך זייער מוטער? ווי אַזוי קאָן גאָט צוזעהן ווי כוליגאַנעם האָבען אויפֿגעשניטען די בייכער פֿון שוואַנגערע אידישע פֿרויען און אַנגעשטאָפּט זיי מיט פֿעדערען? ווי האָט עס גאָט געקאָנט צוזעהן ווי די מערדערשע פּעטלוראָווצעס האָבען אָנגע־גריפֿען קליינע אידישע קינדערלעך ביי זייערע פֿיסעלעך און האָבען זייערע קעפּעלעך געשלאָגן אין דער וואַנט, ביז זייער קליינער מארך איז צוגאָסען געוואָרען איבער די צושפּליטערטע פּנים'לעך? ווי קאָן גאָט צוזעהן ווי האַרמאַטען צושיסען אונזערע ליבע און טייַ־ערע יונגע זין און ברידער, זיי וואַלגערען זיך איבער די שלאַכט־פֿעלדער; די געהירען פֿון זייערע קעפּ ווערען צוגאָסען, די געדערים קריכען באַ זיי פֿון בויך אַרוים, און פֿאַרשידענע שרצים פֿרעסען

זייער מאַרך, וואָס האָט אַמאָל געגלויבט ווי בן צבי אין אַ גאָט פֿול מיט ליבע צו דער מענשהייט.... אויך גריזשען די קריכענדע די פֿאַרגליווערטע הערצער, וואָס האָבען געפֿילט אַמאָל אַ גרויסע ליבער צו זייערע נאָהענטע און טייערע?!

— איך שריי און פֿרעג: מענשען! ווארום זייט איהר דום? באַרעכענט זיך; דענקט מער און גלויבט ווינציגער אָדער גאָרניט. אויב בן צבי וועט מיר זאָגען, אַז די אַלע שווידערליכקייטען דאָ אויסגערעכענט זיינען ניט גאָט'ס שולד, אפֿשר וועט ער זאָגען עס איז אונזער שולד, דערפֿאַר ווייל מיר דולדען אַזאַ סיסטעמע, וועל איך איהם פֿרעגען: בן צבי, אַלס פֿאָטער, ווען ער זעהט זיין קינד אין געפֿאַר, אַפֿילו עס איז דעם קינד'ס שולד, וועט דאָס איהם דען אָפּהאַלטען פֿון ראַטעווען זיין קינד? גאָט איז דאָך אונזער פֿאָטער, נאָך זיין מיינונג אַ גאָט פֿול מיט ליבע צו אַלעם וואָס עקזיסטירט, וואָס קאָן און ווייס אַלעס, ווי קאָן ער צוזעהן די אַלע אומרעכטען, אַלע נידערטרעכטיגקייטען, וואָס ווערען באַגאַנגען אויף דער וועלט, און שווייגען?

— צווייטענס: וואָס איז וועגען די אומגליקען וואָס מענשען ליידען פֿון דעם נאַטור-אויסברוך, ווי למשל: פֿייערשפּייענדע בערג, וואָס זייער לאַווע צוגיסט זיך און פֿאַרניכטעט גאַנצע שטעדט מיט מענשליכע ישובים? און וואָס איז מכּוח פֿאַרפֿלייצונגען, וואו מענשען און אויך חיות ווערען פֿאַרשלעפּט אין תהום אריין, וואָס דאָס איז שוין ניט דעם מענשענ'ס שולד, און האָט אויך ניט צוטאָן מיט דער עקאָנאָמישער סיסטעמע? וואָס איז דאָס ציגעלע אָדער שעפּ־סעלע שולדיג ווען עס שפּילט זיך אויף דער לאָנקע און האָט הנאה פֿון גאָט'ס וועלט, און עס קומט אַ וואָלף און פֿאַרצוקט עס? וואָס איז וועגען חיות, וואָס רייסען, בייסען און פֿרעסען איינע די אַנדערע? זיי ווייסען דאָך ניט דעם אונטערשיעד פֿון רעכט און

אומרעכט? ווארום האָט אָט דער „גאָט פֿון ליבע" זיי באַשאַפֿען צו פֿאַרניכטען איינער דעם צווייטען?

— יעצט פֿרעג איך נאָך אַמאָל: קאָן אַ מענש מיט שׂכל און אינטעליגענץ, אַ מענש וואָס דענקט, גלויבען אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, וועלכער איז דער באַשאַפֿער און פֿירער פֿון דער וועלט? שאַנדע! עס איז אַ גרויסע חרפּה פֿאַר דער ציוויליזאַציע, ווען עס געפֿינען זיך נאָך דענקענדע מענשען, וועלכע גלויבען אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ עפּעס וואָס מען רופֿט „גאָט", וואָס ווייס אַלעס, קאָן אַלעס און פֿאַרשטעהט אַלעס. וואָס שנעלער זיי וועלען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר האָבען ניט אויף ווענען זיך צו פֿאַר־לאָזען, וואָס זאָל און קאָן אונז העלפֿען, און אַלעס ווערט געפֿירט פֿון דער „בלינדער נאַטור" דורך צופֿעלע, קיין גאָט וואָס פֿירט, רעגירט און קאָן אונז העלפֿען עקזיסטירט ניט, נאָר מיר זיינען די איינציגע וואָס קאָנען איבערשאַפֿען אַ בעסערע, אַ שעהנערע און גליקליכערע וועלט ווי זי איז, אַלץ בעסער וועט עס זיין פֿאַר אונז! מיר קאָנען מאַכען אַ גן־עדן פֿון דער וועלט, אָבער טאַקע נאָר מיר אַליין! קיין גאָט אָדער געטער קאָנען אונז ניט העלפֿען, ווייל זיי עקזיסטירען ניט!

— צום שלום וויל איך שטעלען אַ פּאָר פֿראַגעס. ערשטענס: צי גלויבט בן צבי, אַז גאָט האָט טאַקע באַשאַפֿען די וועלט אין משך פֿון זעקס טעג? ווייל, ווי די וויסענשאַפֿט ערקלערט אונז, האָט עס געדויערט ביליאָנען יאָהרען ביז די ערד איז פֿעהיג געוואָרען צו פּראָדוצירען לעבעדיגע בריאות! טאָ ווי קומט עס, וואָס באַ אַזאַ אַלמעכטיגען גאָט זאָל געדויערען אַזוי פֿיל צייט צו באַשאַפֿען די וועלט? צווייטענס: ווען די אַסטראָנאָמישע וויסענשאַפֿט לערענט אונז, איז די זון דאָס מיטעלפּונקט פֿון סאָלאַר־סיסטעמע, און לויט דער לעהרע פֿון גראַוויטאַציע, באַוועגען זיך אַלע פּלאַ־

נעטען אַרום דער זון. פֿרעג איך, צי דער גאָט, אין וועלכען בן צבי גלויבט, אַז ער קאָן אַלעס און ווייס אַלעס, צי קאָן ער אינגאַנצען אָפּשטעלען אָדער פֿאַרניכטען די זון, און דאָך זאָלען אַלע פּלאַנע־טען, וואָס באַוועגען זיך אַרום איהר, בלייבען אויף זייערע פּלעצער און אַלעס זאָל בלייבען אין אָרדענונג? דריטענס: אויב מען האָט באַדאַרפֿט אַ גאָט צו באַשאַפֿען די וועלט, טאָ ווער האָט באַשאַפֿען אָט דעם גאָט?

II

פֿאָרזיצער: בן צבי וועט יעצט אונז ערקלערען זיין שטאַנד־פּונקט.

בן צבי: איידער איך וועל ענטפֿערען בן שלמה'ן אויף זיינע פֿראַגעס און באַווייזע, מוזען פֿריהער פֿאַר אונז קלאָר ווערען צוויי וויכטיגע פּונקטען וואָס, נאָך מיין מיינונג, זיינען זעהר וויכטיג פֿאַר אונזער ויכּוח, וועלכע בן שלמה האָט ניט באַרירט. דער ער־שטער פּונקט איז, אַזוי ווי די טעמע פֿון ויכּוח איז „איז פֿאַראַן אַ גאָט, און וואָס איז גאָט?", פֿרעגט זיך: אויף וואָס פֿאַר באַווייזע ערוואַרטעט מען פֿון אונז צו באַגרינדען אונזער איבערצייגונג?

— זעלבסט פֿאַרשטענדליך, מען ערוואַרטעט ניט פֿון בן שלמה'ן, וועלכער גלויבט ניט אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, אַז ער זאָל עפֿענען אַלע זיבען הימלען און ווייזען אַז זיי זיינען ליידיג. דורך דעם איבערצייגען אונז, אַז ער האָט רעכט, אַז קיין גאָט איז טאַקע נישטאָ. פּונקט אַזוי ווי מען קאָן ניט ערוואַרטען פֿון מיר צו עפֿענען די הימלען און ווייזען, ווי גאָט זיצט אויף דעם אויבערשטען הימעל, און די ערד האָט ער פֿאַרוואַנדעלט פֿאַר אַ בענקעלע צו זיינע פֿיס... מיט איין וואָרט, די באַווייזע קאָנען ניט זיין באַגרינדעט אויף אַזעל־כע פֿאַקטען, ווי למשל, די וויסענשאַפֿט פֿאָדערט פֿאַר איהרע איבערצייגונגען. אונזערע איבערצייגונגען וועלען זיין באַזירט נאָר אויף לאָגיש דענקען...

— דער צווייטער פונקט, וואָס דאַרף אויך פאַר אונז קלאָר ווערן, איז וואָס מיינט מען מיט דעם נאָמען גאָט? און וואָס מיינט דער נאָמען נאַטור?

— ווי מיר ווייסן, איז דאָך אַ נאָמען אַן „עפּעס" וואָס האָט ספּעציפישע אייגנשאַפטן, וועלכע אונטערשיידן זיך פון אַן אַנדער „עפּעס" מיט גאַנץ אַנדערע אייגנשאַפטן. למשל: צוויי מענטשן געפינען אַ זאַך. איינער דענקט, עס איז געמאַכט פון אייזן, דער צווייטער דענקט, עס איז געמאַכט פון האָלץ. אום צו וויסן ווער עס האָט רעכט, מוז מען אויסגעפינען וואָס פאַר אַן אייגנשאַפט די געפונענע זאַך באַזיצט. ווייל מיר ווייסן דאָך, אַז האָלץ און אייזן אונטערשיידן זיך מיט זייערע אייגנשאַפטן. אַזוי וועלן מיר אויך דאָ דאַרפן פעסטשטעלן דעם אונטערשיד וואָס ליגט אין נאָמען „גאָט" און אין נאָמען „נאַטור". דאַן, ווען אונז וועט געלינגען אַרויסברענגען דעם אונטערשייד, וועט אונזער אויפגאַבע זיין צו באַגרינדען אונזער פעסטשטעלונג דורך לאָגיש דענקען.

— יעצט, פריינדע, אַזוי ווי בן שלמה באַהויפּטעט, אַז אַלעס איז פון דער נאַטור, גיט ער דאָך אַליין צו, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ סיבה אין דער וועלט באַשאַפונג, נאָר דער נאָמען פון דער סיבה איז „נאַטור"; איך זאָג, אַז דער נאָמען פון דער סיבה פון אַלע סיבות איז „גאָט"! וועלן מיר איצט זעהן, וואָס איז דער אונטערשייד פון גאָט און נאַטור.

— ערשטענס: וואָס מיינט נאַטור? און וואָס זיינען איהרע אייגענשאַפטן? דער ענטפער איז: נאַטור איז אַלעס וואָס עקזיסטירט אין דעם אוניווערזום; אַלע קערפּערשאַפטן וואָס באַוועגן זיך, ווי למשל: זונען, פּלאַנעטען, קאָמעטען, מענשען, חיות און אַלעס וואָס לעבט און עקזיסטירט. דער מדבר, חי, צומח און דומם. דאָס אַלעס אין איינעם שטעלט צוזאַמען וואָס מיר האָבען אַ נאָמען

געגעבען „נאַטור", און ווען די זון באַווייזט זיך אין דער פֿריה אין מזרח און ווערט פֿאַרשוואונדען אין אָווענד אין מערב, איז עס איינע פֿון די נאַטור־געזעצען. אַזוי אַרבעט אויך דער נאַטור־געזעץ, ווען מען פֿאַרזייהט אַ קערענדעל אין דער ערד און עס וואַקסט אויס אַ בוים מיט צווייגען בלעטלעך און פֿרוכט.

— די פֿראַגע איז: צי אַט די זון און פּלאַנעטען, וואָס באַוועגען זיך, זיינען באַוואוסטזיניג? ווייסען זיי וואָס זיי דאַרפֿען טאָן? אויך צי האָט די נאַטור געהאַט אַ פֿאָראויס גערעכענטען פּלאַן צו באַשאַפֿען די אַלע קערפּערשאַפֿטען אַזוי ווי זיי זיינען, און אָוועקשטעלען זיי אויף די פּלעצער וואו זיי געפֿינען זיך, כּדי זיי זאָלען זיך באַוועגען אין פֿולשטענדיגער האַרמאָני?

— צי די נאַטור האָט געהאַט אַ פֿאָראויס־גערעכענטען פּלאַן צו באַשאַפֿען דעם מענשען מיט אויערען צוצוהערען, אויגען צו זעהן, אויך מיט די נויטיגע אָדערן און נערוועןֹ; לונגען צום אָטהעמען, און אַלעם אַזוי סיסטעמאַטיש אויסגערעכענט? מיט אַנדערע ווערטער, צי די נאַטור האָט אַלעם באַשאַפֿען און ענטוויקעלט דורך אַ באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען: אָט די אַלע נאַטור־געזעצען וואָס אַרבעטען אַזוי פֿאָלקאָמען? דער ענטפֿער, אַלזאָ, פֿון די אַלע, וואָס זאָגען ווי בן שלמה, אַז אַלעס איז פֿון דער נאַטור, און דאָס קיין גאָט איז ניטאָ, איז מיט אַ גרויסען „ניין!" זיי זאָגען, „די נאַטור האָט ניט קיין באַוואוסטזיין". „די נאַטור, זאָגן זיי, האָט ניט געהאַט קיין פֿאָראויס־גערעכענטען פּלאַן צו באַשאַפֿען אַזאַ וועלט, נאָר אין משך פֿון ביליאָנען יאָהרען האָט זיך די וועלט ענטוויקעלט צו דער איצטיגער שטופֿע, דורך צופֿעלע, אָבער ניט מיט אַ באַוואוסטזיין: ניט דורך אַ פֿרייען ווילען, און געוויס ניט דורך אַ פֿאָראויס־גערעכענטען פּלאַן, ווייל די נאַטור באַזיצט ניט אַזעלכע אייגענשאַפֿטען!"

— יעצט וועלען מיר זעהן, וואָס מיינען די וואָס זאָגען, אַז די וועלט האָט זיך ענטוויקעלט דורך צופאַל. דורך דעם פאָלגענדען ביישפיל וועט עס פאַר אייך קלאָר ווערען: מיין פאָטער האָט גע־הייראַט מיין מוטער; בין איך, זייער זון, געבאָרען געוואָרען מיט געוויסע אייגענאַרטיגע גייסטיגע און פיזישע אייגענשאַפטען, אָבער ווען מיין פאָטער וואָלט געהייראַט אַן אַנדער פרוי, וואָלט זייער זון געווען ניט איך, נאָר אַן אַנדערער, מיט אַנדערע פיזישע און גייס־טיגע אייגענשאַפטען!... מיט אַנדערע ווערטער: עס איז נאָר דורך אַ צופאַל וואָס מיין פאָטער האָט חתונה געהאַט מיט מיין מוטער, אַזוי אַרום ערמעגליכען מיין אַנוועזענהייט דאָ מיט אייך...

— די נאַטור׳ס אויפגאַבע איז: ווען אַ זכר און נקבה קומען זיך צוזאַמען, און אויב זיי באַזיצען פראָדוקטיווע פעהיגקייטען צו האָבען קינדער, וועלען זיי געוויס זיין פרוכטבאַר; אָבער דאָס קער־פערליכע אויסזעהן און גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען שוין אָפּ־הענגיג אָן די פערזענליכקייטען פון פאָטער און מוטער. הייסט עס, כאָטש איך בין געקומען אויף דער וועלט אויף אַ נאַטירליכען אופן, איז עס נאָר אַ דאַנק דעם צופאַל, וואָס מיין פאָטער האָט געהייראַט מיין מוטער, און איך און ניט קיין אַנדערער זאָל יעצט זיין דאָ מיט אייך...

— אַזוי, זאָגען זיי, איז מיט דעם גאַנצען אוניווערזום, און אַלעס, וואָס עקזיסטירט אין איהם, איז אויך געקומען דורך צופעלע. די וועלט איז איצט אַזוי, און ניט אַנדערש, ניט ווייל די נאַטור האָט געהאַט אַ פאָראויס־גערעכענטען פּלאַן אַזאַ וועלט צו באַשאַפען. ניין! נאָר דורך צופעליגע קאָמבינאַציעס, וואָס האָבען געווירקט אונבאַוואוסטזיניג ביליאָנען יאָהרען, האָט זיך די וועלט ענטוויקעלט אין אַזאַ ריכטונג, אָבער פאַר קיין פאַל ניט דורך אַ פאָראויס־גערעכענטען פּלאַן.

— ווי געזאָגט, דאָס וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „נאַטור"
איז אַן „עפּעס" וואָס האָט ניט קיין באַוואוסטזיין, קיין פֿרייען ווילן,
און אויך ניט קיין פֿאָראויס־גערעכנעטן פּלאַן אָדער פּלענער, ווייל
די נאַטור איז טויב, בלינד און שטום... אַט דאָס זיינען די באַגריפֿע
פֿון אַלע די וואָס דענקען ווי בן שלמה איבער די אייגענשאַפֿטן
פֿון דער נאַטור.

— איך, אָבער, וואָס זאָג, אַז עס איז יאָ פֿאַראַן אַ גאָט, בין
מיט דער איבערצייגונג, אַז אַט דער „אין לו דמיון כלל", וואָס איז
די סיבה פֿון וועלט באַשאַף, וואָס מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן
„גאָט", האָט יאָ אַ באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילן! און דערפֿאַר
איז מיר פֿאַרשטענדליך, אַז אַלע זונען, פּלאַנעטען, קאָמעטען און
אַלע הימעלשע קערפּערשאַפֿטן זיינען באַשאַפֿן געוואָרן אַזוי
און ניט אַנדערש, ווייל עס איז געווען דער ווילן פֿון גאָט, דורך
זיין פֿאָראויס־גערעכנעטן פּלאַן אַזוי אַלעס צו באַשאַפֿן, אַז יעדעס
אין דער וועלט זאָל זיין אין פּלאַץ און אין צייט. „כי חוק וזמן נתן
להם שלא ישנו את תפקדם" (ווייל מיט אַ געזעץ און באַשטימטע
צייט האָט ער זיי באַפֿליכטעט, כּדי זיי זאָלן אויספֿילן זיין
באַפֿעהל).

— איצט, ווען מיר ווייסן דעם אונטערשייד איבער די אייגענ־
שאַפֿטן פֿון דער נאַטור און גאָט, בלייבט איבער פֿאַר מיר צו
באַווייזן אויף וואָס איך באַגרינדע מיין באַהויפּטונג, אַז דער וועלט
באַשאַפֿער באַזיצט אַ באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילן. זעלבסט־
פֿאַרשטענדליך, עס פֿאַלט אַרונטער דערווייל די פֿראַגע וואָס בן
שלמה האָט געשטעלט: „וואָרום איז גאָט אַזוי גרויזאַם און דולדעט
אַזוי פֿיעל אומרעכטען אויף דער וועלט?"

— עס קאָן זיין, אַז איבער דער גרויזאַמקייט פֿון גאָט, ווי בן
שלמה מאָלט עס אַזוי שטאַרק אָפּ, וועל איך נאָך האָבן וואָס צו

זאָגען אין אונזער ווייטערען ויכּוח, אָבער מיט דער פֿראַגע צי עס איז פֿאַראַן אַ גאָט האָט עס ניט צו טאָן. פֿון דעם אַנדערן צד וועט בן שלמה'ם אויפֿגאַבע דאַרפֿען זיין צו באַווייזען, ווי אַזוי עס האָט געקאָנט פּאַסירען דאָס די בלינדע נאַטור, וואָס האָט ניט קיין באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען, זאָל קאָנען ענטוויקלען אַזאַ גרויסע, שעהנע, סיסטעמאַטישע און האַרמאָנישע וועלט?...

III

— יעצט, ליבע צוהערער, איידער מיר געהן אָן ווייטער מיט אונזער ויכּוח, גלויב איך עס וועט זיין ראַטזאַם צו באַרירען אַ ביסעל די לעהרע פֿון „פּאַנטעאיזם" פֿון אונזער גרויסען פֿילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ; דאָס וועט גרינגער מאַכען צו ערקלערען מיין שטאַנדפּונקט. שפּינאָזאַ'ס פֿילאָזאָפֿיע איבער גאָט איז: אַז גאָט האָט ניט קיין פֿרייען ווילען; „גאָט און נאַטור", זאָגט ער, איז איינס! פֿון דער קלענסטער באַציל ביז דער גרעסטער באַשעפֿעניש, און פֿון דעם קלענסטען אַטאָם ביז דער גרעסטער הימל'שער קערפּערשאַפֿט איז גאָט פֿאַראַן. אומעטום, איבעראַל, אין דעם גאַנצען אוניווערזום; אָבער ער איז ניט קיין „יחיד", נאָר ער איז אַזוי באַהעפֿט אין אַלעם וואָס עקזיסטירט, אַז ער קאָן זיך פֿון זיי ניט אָפּזונדערען; ער איז, אַזוי צו זאָגען, איינגעשפּאַנט אין דעם עולם ומלואו: ער האָט ניט קיין פֿרייען ווילען; ער איז אַ שקלאַף צו די נאַטור געזעצען. פֿאָלגליך פֿיהרט זיך די וועלט אַזוי, ניט ווייל ער וויל אַזוי, נאָר ווייל ער קאָן אַנדערש ניט.

— דער פֿאָלגענדער ביישפּיל וועט עס ערקלערען פֿאַר אייך: שטעלט אייך פֿאָר ווען מען גיסט אַרויף אַ ברענענדע פֿליסיגקייט אויף אַ שטיק אייזען, נאַכהער וויל מען אויסברענען דאָס פֿליסיגקייט, איז אַלעם וואָס מען דאַרף טאָן איז אָנצינדען דאָס פֿליסיג-

קייט און וואַרטען ביז עס ברענט אויס, ווען דאָס אייזען בלייבען אונבאַרירט. ווי איז אָבער ווען מען גיסט אַרויף דאָס זעלבע פֿלי־סיגקייט אויף פּאַפּיער, און מען וויל נאָכהער אויסברענען דאָס פֿליסיגקייט, און דאָס פּאַפּיער זאָל בלייבען אונבאַרירט? פֿאַר־שטענדליך, מען וועט עס ניט קאָנען דורכפֿיהרען, ווייל דאָס פּאַפּיער און דאָס פֿליסיגקייט זיינען אַזוי צוזאַמען באַהעפֿט, אַז איינס אָהן דעם אַנדערען קאָנען ניט בלייבען. ווערט דאָס פֿליסיגקייט פֿאַר־ברענט, מוז דאָס פּאַפּיער אויך פֿאַרברענט ווערען.

— אַזוי איז לויט שפּינאָזאַ׳ס פֿילאָזאָפֿיע: גאָט און אַלעס וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט זיינען אַזוי באַהעפֿט אין איינעם אַז איינס אָהן אַנדערען קאָן ניט עקזיסטירען. וואָרום אויב עס וואָלט געווען אַ מעגליכקייט צו פֿאַרניכטען דעם גאַנצען אוניווערזום, וואָלט אויך גאָט פֿאַרניכטעט געוואָרען צוזאַמען... נאַטירליך, לויט מיין באַגריף וועגען גאָט, קאָן איך ניט זיין איינשטימיג מיט אַזאַ אויס־טייטשונג.

— איך גלויב, אַז אונזער גרויסער פֿילאָזאָף שפּינאָזאַ האָט געמאַכט אַ טעות. און אָט ווי אַזוי: שטעלט אייך פֿאָר, ווען אַ מענש וואָלט צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען דערזעהן אַ שפּיגעל, און האַלטענדיג עס אַנטקעגען דער זון וואָלט ער געדענקט, אַז ער זעהט אין שפּיגעל די אָריגינעלע זון. אָבער דורך אַ צופֿאַל ווערט דאָס שפּיגעל צובראָכען! ניט זעהענדיג מעהר די זון׳ס רעפֿלעקציע אין שפּיגעל, דענקט ער, אַז דאָס שפּיגעל מיט דער זון זיינען צוזאַ־מען צובראָכען געוואָרען! עס פֿאַרשטעהט זיך, אַז אָט דער מענש מאַכט אַ טעות, ווייל אין שפּיגעל האָט ער געזעהן נאָר דאָס אָפּ־שפּיגלונג פֿון דער זון. אַזוי האָט אויך שפּינאָזאַ געמאַכט אַ טעות.

— גאָט אַליין איז ניט באַהעפֿט אין דער נאַטור, נאָר אַלעס וואָס געפֿינט זיך אין אוניווערזום איז נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פֿון זיין

ווילען. גאָט האָט זיך ניט באַדאַרפֿט איינשפּאַנען אין דער נאַטור אום צו מאַכען אַלעם זיך באַוועגען; עס איז געווען גענוג אַז דורך זיין „ווילען" זאָלען אַלע נאַטור געזעצען אַרבעטען צוזאַמען פֿאָלקאָמען — אַזוי ווי אַ מאַשין אין אַ פֿאַבריק טוט איהר אַרבייט פֿאָלקאָמען ניט באַוואוסטזיניג, און ניט דורך איהר פֿרייען ווילען, נאָר דורך דעם ווילען און חכמה פֿון ערפֿינדער, וואָס האָט די מאַשין געמאַכט מיט אַ סיסטעמע, און ער, דער ערפֿינדער, דאַרף זיך ניט באַהעפֿטען מיט זיין מאַשין... גראַדע אַזוי ווערען אַלע נאַטור-געזעצען סיסטעמאַטיש דורכגעפֿיהרט ביז דער גרעסטער פֿאָלקאָמענהייט, אַ דאַנק דעם ווילען און חכמה פֿון דעם „כדמון לכל דבר". ניט ער האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער נאַטור כּדי צו מאַכען אַלעם אין באַוועגונג און ווערען אויפֿגעלעזט אין איהר, נאָר זיין ווילען איז געווען גענוג, אַז ער זאָל דאָך בלייבען דער „יחיד"...

IV

— בן שלמה פֿרעגט: „קאָן גאָט אָפּשטעלען אָדער פֿאַרניכטען די זון, און דאָך זאָלען אַלע פּלאַנעטען בלייבען אויף זייערע ערטער און באַוועגען זיך אין אָרדענונג?" דער ענטפֿער איז: יאָ! געוויס קאָן גאָט אַלעס טאָן; אָבער לויט לאָגיק וועט ער עס ניט טאָן. ניט ווייל ער קאָן ניט, נאָר ווייל ער וויל ניט. און אָט וואָרום: ווען אַ מענש ערפֿינדעט אַ מאַשין, קאָן ער מיט דער צייט איינזעהן אַז מען מוז די מאַשין אויסבעסערען, ווייל אַ מענש קאָן קיין זאַך ניט מאַכען אַזוי פֿאָלקאָמען, וואָס זאָל ניט פֿאָדערען קיין אויסבעסערונג. אָבער גאָט'ס ווערק איז לגמרי די פֿאָלקאָמענהייט אַליין. דערפֿאַר וועט גאָט ניט ענדערען די נאַטור-געזעצען, „כי לא ימיר דתו". און פֿאַרניכטען די זון נאָר דערפֿאַר כּדי איבערצייגען בן

שלמה׳ן אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, גלויב איך, אַז גאָט איז ניט אַזוי שטאַרק נייגעריג צו מאַכען „קונצען״ כּדי אַ בן שלמה זאָל זיך איבערצייגען אַז ער עקזיסטירט.

— בן שלמה דענקט, „דערפֿאַר וואָס דער האַלב-ווילדער מענש האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו ערקלערען די נאַטור ערשיינונגען, און האָט דערפֿאַר אָט די ערשיינונגען אָנגענומען פֿאַר געטער, און דורך דעם האָט זיך ענטוויקעלט דער גלויבען אין אַ גאָט, לכן איז עס אַ שאַנדע פֿאַר אַ ציוויליזירטען מענשען צו גלויבען אין אַ גאָט״. וויל איך דאָ אָנווייזען, אַז אַפֿילו די וויסענשאַפֿט האָט פּראָגרעסירט דורך דער אונוויסענהייט פֿון דעם פּרימיטיווען מענשען — למשל, די וויסענשאַפֿט פֿון אַסטראָנאָמיע.

— עס איז באַוואוסט, אַז די אונוויסענדע פֿון אַמאָל האָבען געגלויבט, אַז יעדער מענש ווערט געבאָרען אונטער אַ געוויסען מזל-שטערען, און אַזוי אַרום געקאָנט פֿאַראויסזאָגען דעם מענ־שען׳ס שיקזאַל דורך די שטערען. די לעהרע איז באַוואוסט אונטער דעם נאָמען „אַסטראָלאָגיע״. פֿון דעם האָט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט „חכמת אַסטראָנאָמיע״, אַזוי אויך האָט זיך ענטווי־קעלט „חכמת כימיע״ דורך אַלכעמיע. דאָך דענקט קיינער ניט, אַז עס איז אַ שאַנדע פֿאַר דער ציוויליזאַציע וואָרום מענשען שטו־דירען איצט כעמיע, ווי אויך אַסטראָנאָמיע. אַזוי אויך דאַרף קיין שאַנדע ניט זיין פֿאַר אַ ציוויליזירטען מענשען צו גלויבען אין אַ גאָט. אמת, דער האַלב-ווילדער מענש, ניט וויסענדיג ווי אַזוי צו ערקלערען די פֿאַרשידענע נאַטור ערשיינונגען, האָט ער זיי פֿאַרגעטערט; ער האָט געבלאָנדזשעט אין דער פֿינסטער, אַזוי ווי דער אַסטראָלאָג און דער אַלכעמיקער, ביז די מענשהייט האָט אין משך פֿון הונדערטער אָדער טויזענטער דורות דערזעהן דאָס ליכט פֿון אמת און לאָגיק. אַז די אַלע נאַטור ערשיינונגען אין דער

וועלט זיינען ניט קיין געטער נאָר שלוחים, נאַטור־געזעצן, וועל־כע גאָט האָט באַשאַפֿן פֿאַר אַ געוויסן צוועק, וועלכעס איז נאָך דערוויל פֿון אונז פֿאַרבאָרגען, און פֿילייכט אויף תּמיד. זיי טוען זיין ווילן, פּונקט אַזוי ווי די מאַשין טוט דעם ווילן פֿון איהר ערפֿינדער...

— אָבער וואָס מיך וואונדערט אויף בן שלמה'ן, איז פֿאָל־גענדעס: איך גלויב, ער וואָלט געוועזן דער ערשטער אויסצולאַכען יענע פּערזאָן וואָס וואָלט באַהויפּטעט, אַז אַ גולם האָט ערפֿונדען דעם טעלעגראַף, טעלעפֿאָן, אָדער די ראַדיאָ. און ער וואָלט אָהן צווייפֿעל רעכט געהאַט, ווייל אַ גולם קאָן ניט ערפֿינדען אַזעלכע וואונדערליכע מאַשינען; די וואָס האָבען ערפֿונדען אַזעלכע שכל־דיגע מאַשינען, האָבען אָהן צווייפֿעל באַזעסען חכמה, אינטעלי־גענץ, באַוואוסטזיין און אַ פֿרייען ווילען; און דאָך גלויבט בן שלמה, אַז די נאַטור האָט יאָ באַשאַפֿן, פֿיהרט און רעגירט אַזאַ גרויסע וואונדערליכע, סיסטעמאַטישע וועלט.

— פֿרעגט זיך: ווי אַזוי קאָן ער ערקלערען ווי דער גולם־נאַטור, ניט באַזיצענדיג אָט די אַלע אויבען אויסגערעכענטע מעלות, נאָר זייענדיג בלינד, טויב און שטום זאָל האָבען געוואוסט וואו און ווי אַזוי אויסצורעכענען דעם פּלאַץ און צייט פֿאַר זונען, פּלאַ־נעטען און קאָמעטען, כּדי אַלעם זאָל אַזוי הערליך האַרמאָנירען?

— אַלזאָ, יעצט, ווי איך האָב פֿריהער באַהויפּטעט, ווען מיר ווייסען דעם אונטערשיד פֿון בן שלמה'ס באַגריף איבער די אייגענ־שאַפֿטען פֿון דער נאַטור און מיין באַגריף איבער גאָט, אַז ער באַ־זיצט אַ באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען, בלייבט איצט פֿאַר מיר צו באַווייזען דורך לאָגישן שכל אויף וואָס מיין איבערצייגונג איז באַגרינדעט.

— אַזוי ווי דער מענש איז די איינציגע בריאה, וואָס באַזיצט אַ באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען, וויל איך פּרובירען אויסגעפֿינען ווי אַזוי, אָדער פֿון וואַנען, ער קריגט אָט די צוויי אייגענשאַפֿטען. ווי עס איז באַוואוסט, באַזיצט דער מענש פֿינף חושים, נעמליך: הערען, זעהן, שמעקען, טאַפּען און פֿיהלען אַ טעם. דיזע פֿינף חושים, אָבער, זיינען ניט גענוג צו באַשיצען איהם פֿון סכנה. און אָט וואָרום: שטעלט אייך פֿאָר, ווען געהענדיג אין גאַס, דערזעהט איהר אַ גרוב אין אייער וועג, וועט איהר עס אויסמיידען כּדי דערין ניט אַריינצופֿאַלען. אַזוי אויך וועט איהר אויסמיידען אַ גרויסען שטיין אין אייער וועג, ניט געשטרויכעלט צו ווערען און אַנידערפֿאַלען. פֿאַרשטענדליך, עס איז ניט דאָס אויג, וואָס רעטעט אייך פֿון געפֿאַר. אמת, דאָס אויג זעהט די גרוב און דעם שטיין לויערענדיג אין אייער וועג, אָבער דאָס אויג ווייסט דאָך ניט, אַז עס איז אַ געפֿאַר פֿאַר אייך!

— פֿרעגט זיך: ווער לאָזט אייך וויסען וועגען דער געפֿאַר? איז אויב מיר וועלען נאָכדענקען, וועלען מיר קומען צום באַשלוס, אַז עס איז דער שכל וואָס פֿאַרהיט אונז פֿון דער סכנה. דער כּוח פֿון שכל האָט די אויפֿזיכט איבער אַלע אונזערע חושים. אָהן אָט דער אויפֿזיכט פֿון שכל זיינען די אַלע חושים ווי אַן אויטאָמאָביל אָהן אַ פֿירער. אמת, דער אויטאָמאָביל פֿאָרט, אָבער עס איז די פּערזאָן ביים רעדעל פֿון אויטאָמאָביל וואָס האָט די אויפֿזיכט ער זאָל ניט אַריינפֿאָרען אין אַ וואַנט, אָדער אין אַן אַנדער געפֿערליכען פּלאַץ. די זעלבע אויפֿגאַבע האָט דער שכל אויף די חושים.

— **איצט איז די פֿראַגע: פֿון וואַנען קומט צו אונז דער שכל?** דער ענטפֿער איז: אַזוי ווי דאָס ליכט דרינגט אַריין צו אונז דורך דעם אויג, און דער קלאַנג — דורכ׳ן אויער, אַזוי אויך קומט צו אונז דער שכל דורך אַזאַ אָרגאַן וואָס מיר רופֿען געהירן. און אַזוי

ווי ליכט עקזיסטירט אַפּילו ווען דער בלינדער קאָן עס ניט זעהן, און דער קלאַנג איז אַ ווירקליכקייט זאָגאַר ווען אַ טויבער הערט איהם ניט — ווייל ליכט און קלאַנגען זיינען אויסערליך פֿון מענש'ן, און ווירקען נאָר דאַן ווען די חושים זיינען אין אָרדנונג. אַזוי איז אויך מיט דעם שכל, דעם געדאַנק, וואָס ווערט אויסערליך פֿאַר־בונדען מיט דעם מענשען דורך זיינע געהירן.

— אַזוי ווי די זון איז דער מקור פֿון ליכט אויף אונזער וועלט און אַלעס שעפּט ליכטיגקייט פֿון איהר, אַזוי אויך שעפּט אַלעס וואָס לעבט און עקזיסטירט אויף דער וועלט שכל פֿון דעם „מקור החכמה", וואָס האָט באַשאַפֿען די וועלט און וואָס מיר האָבען אַ נאָמען געגעבען „גאָט", און ווייל דער „מקור החכמה" באַזיצט ניט קיין קערפּערליכעס. מען קאָן עס ניט זעהן און ניט אַנאַליזירען מיט קיינע פֿון אונזערע חושים. דערפֿאַר קומען מיר צום באַשלוס, אַז דער „מקור החכמה", וואָס מיר רופֿען „גאָט", איז אַן „אין לו גוף ואין לו דימיון כלל", זיין ווילען איז די סיבה פֿון וועלט באַ־שאַף, און אַלעס וואָס עס געפֿינט זיך אין אוניווערזום ווערט באַ־שטראַלט פֿון זיין חכמה, ווי למשל, מענשען, בהמות, חיות, פֿויגלען, שרצים און רמשים, אויך פֿלאַנצונגען און מאַטעריע — יעדער לויט זיין צושטאַנד און מדרגה. דערפֿאַר ווערט אַפּילו אַ חיה אויסמיידען אַ גרוב אָדער אַ שטיין, ווייל אויך די חיה שעפּט איהר שכל פֿון מקור החכמה. די חיה ווערט אויך באַשטראַלט פֿון זעלבען מקור ווי דער מענש, נאָר אויף אַ קלענערער מדרגה. זיי, די בהמות און חיות, קריגען אַזוי פֿיל שכל וויפֿיל זיי באַנויטיגען פֿאַר דער אויפֿ־זיכט אויף זייערע חושים צו קענען עקזיסטירען... ניט נאָר מענש און חיה שעפּען שכל פֿון דעם מקור החכמה, נאָר פֿלאַנצונגען אויך, כאָטש אויף אַ פֿיל קלענערער מדרגה ווי לעבעדיקע ברואים.

— באָטאַניקער וועלען אייך ערקלערען מיט וואָס פֿאַר אַן אינ־

טעליגענץ מאַנכע פּלאַנצונגען מיידען אוים אַ געפאַר צו פאַרניכ־טעט ווערען, אָדער ווי מאַנכע כאַפּען אַריין אויף אַ קונציגען אופן געגענשטאַנדען און אַפילו לעבעדיגע באַשעפעניסע וואָס זיי באַ־נויטיגען פאַר זייער קיום. און כאָטש אַלעם אויף דער וועלט שעפט זייער שכל פון „מקור החכמה", איז אָבער אַ טעות צו דענקען, אַז דער „מקור החכמה" ווערט אויסגעשעפּט אַלס אַ „יחיד" און ווערט אָנגעזאָפט אָדער אָנגעשפּאַנט אין אַלעם וואָס עקזיסטירט אין אוני־ווערזום און עקזיסטירט ניט מעהר אַלס אַ „יחיד" ווי שפינאָזאַ וויל האָבען... אַזוי ווי פון אַ גרויסען פייער קענען אָנגעצונדען ווערען מיליאָנען ליכט און דאָך ווערט דער גרויסער פייער דורכדעם ניט קלענער, ניט פאַרמינדערט (דער משל איז גענומען פון רבי ישראל בעל שם טוב, זצ"ל), אַזוי איז אויך מיט דעם מקור החכמה, פון וועמען די גאַנצע וועלט ווערט באַלויכטען מיט שכל, אָבער ער בלייבט דאָך דער „היה, הוה, ויהיה" דער יחיד!

— ווי געזאָגט, שעפּט יעדע זאַך אויף דעם עולם ומלואו איהר שכל פון מקור החכמה, יעדע לויט איהר מדרגה. גראַדע ווי דורך אַ גרויסען פענסטער שטראַלט מערער ליכט אַריין אין אַ צימער ווי דורך אַ קליינעם פענסטער, און וואָס קלענער דאָס פענסטער אַלץ ווינציגער ליכט דרינגט אַריין אין צימער, אַזוי אויך איז מיט דעם שטראַל פון „מקור החכמה" אין באַצוג צו חיות. זייערע געהירען זיינען אַזוי פאַרמירט קענענדיג אַריינשעפּען נאָר אַזוי־פיל וויפיל זיי באַנויטיגען פאַר דער אויפזיכט אויף זייערע חושים. דערפאַר, ווען זיי קומען צו אַ סכנה־אָרט, פאַרשטעהן זיי אַז זיי מוזען עס אויסמיידען; אויך ווייסען זיי, וועלכע שפּייז עס איז גוט פאַר זיי און וועלכע איז שעדליך.

— נאָר, חיות ווי ניט יעדע בריאה ווערט געבאָרען פיזיש גלייך, איינער זעהט און הערט בעסער פון אַ צווייטער, אַזוי איז

אויך אין באַצוג מיט די גייסטיקע פֿעהיגקייטען: איינעמ'ס געהירען, וואָס זיינען מעהר פֿאָלקאָמען, האָבען מעהר מעגליכקייטען אריינ־שעפּען אין זיך שכל פֿון מקור החכמה ווי אַ צווייטע. דערפֿאַר זעהן מיר חיות פֿון זעלבען מין וואָס מאַנכע פֿון זיי זיינען פֿעהיג זיך אויסצולערנען געוויסע קונצען אויסער זייערע נאַטירליכע באַגריף און טבע. אָבער ווי ענטוויקעלט אַזאַ חיה זאָל ניט זיין גייסטיק, איז אָבער איהר שכל באַגרעניצט ביז אַ געוויסער מדרגה; זי קען ניט דערגרייכען צו דער שטופֿע פֿון באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען. אָבער מיט דעם מין אנושי איז גאָר אַנדערש. דעם מענשענ'ס גע־הירען זיינען ניט ווי אַ קליין פֿענסטעריל דורך וואַנען די שטראַלען פֿון מקור החכמה דרינגען קוים אַריין, נאָר עס איז ווי אַ גרויסער פֿענסטער וואו אַ סך זונענליכט שיינט אַריין. דער מענש שעפּט פֿון מקור החכמה פֿיל, פֿיל מעהר ווי וועלכע עס איז אַנדער באַשע־פֿעניש אויף דער וועלט. ער שעפּט אַזויפֿיל, אַז ער איז ביכולת צו דערגרייכן צו דער מדרגה פֿון באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען, און איז אויך פֿעהיג צו קונסט, וויסענשאַפֿט און ערפֿינדונגען, ווי אויך צו אונטערשיידען „בין טוב לרע". אויסער דעם, אַזוי ווי ביי חיות זיינען פֿאַראַן אַזעלכע וואָס ביי זיי איז דער שכל מעהר ענטוויקעלט ווי ביי אַנדערע פֿון זעלבען מין, אַזוי זיינען אויך מאַנכע מענשען געבאָרען מיט אַזעלכע פֿעהיגקייטען וואָס קענען שעפּען פֿון מקור החכמה מעהר „בינה" ווי אַנדערע.

— אין דער העברעאישער שפּראַך (לשון קודש) געפֿינען מיר פֿאַרשידענע נעמען פֿאַר מענשען באַזיצענדיג שכל, צוטיילט אין פֿאַרשידענע מדרגות, ווי: איש, אדם, גבר, אנוש. „איש" איז די העכסטע מדרגה פֿון מענשליכען מין. זעלבסט פֿאַרשטענדליך, אַז די פֿאַרשידענע מדרגות האָבען גאָר ניט צו טאָן מיט די פֿעהיג־קייטען פֿון נאַציאָנען און ראַסען, ווייל אין יעדער נאַציאָן און ראַסע

זיינען פֿאַראַן מענטשען פֿון אַלע מדרגות. דערפֿאַר זעהן מיר טאַקע, אַז יעדע נאַציאָן גיט אַרויס גרויסע ערפֿינדער, קינסטלער און וויסענשאַפֿטס מענשען. קיין נאַציאָן קאָן ניט באַהויפּטען, אַז זי איז די אויסערוועהלטע, און באַשטעהט אין גאַנצען פֿון מדרגה „איש" און די אַנדערע פֿעלקער שטעהן אויף אַ נידעריגערער שטופֿע.

— דער מענש ווידער, אַ דאַנק זיין חכמה, איז פֿעהיג צו ערפֿינדען וואונדערבאַרע מאַשינען, איז אָבער זיין שכל לײדער דאָך באַגרעניצט; דער מענש איז טאַקע פֿעהיג צו ערפֿינדען, אָבער ניט צו באַשאַפֿען... וואָס איך מיין דערמיט איז פֿאָלגענדעס: אום צו ערפֿינדען עטוואָס, מוז דאָך דער ערפֿינדער האָבען מאַטעריאַל כּדי צו פֿאַרווירקליכען זיין ערפֿינדונג, ווייל ווי גרויס זיין שעפֿערישע קראַפֿט זאָל ניט זיין צו שעפּען שכל פֿון מקור החכמה, איז ער אָבער ניט ביכולת צו דערגרייכען מיט זיין שכל צו דער שטופֿע ער זאָל אויך קענען באַשאַפֿען דאָס מאַטעריאַל פֿאַר זיין ערפֿינדונג. אָבער גאָט איז דאָך דער מקור החכמה אַליין, ער באַזיצט די העכסטע מדרגה פֿון חכמה. ער, דורך זיין אונבאַגרעניצטער חכמה, קאָן וועלטען באַשאַפֿען; ער דאַרף ניט קיין מאַטעריאַל, ער באַשאַפֿט אַ „יש מאין" (עפּעס פֿון גאָרניט).

— איצט, ווען מיר פֿאַרשטעהן די אורזאַכע וואָרום עס מאַכט דעם מענשען העכער פֿון דער חיה, נעמליך, מיט דעם וואָס ער איז ביכולת צו שעפּען פֿון דעם מקור החכמה פֿיל מעהר ווי די חיה, אַזוי אַרום קריגענדיג די מעגליכקייט צו באַזיצען אַ באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען, און קאָן אויך, אַ דאַנק זיין שכל, וואָס איז אַ טייל פֿון גאָט, ערפֿינדען נוצליכע מאַשינען — היינט וואָרום זאָל אונז אָפּהאַלטען פֿון דער איבערצייגונג, אַז דער מקור החכמה אַליין, וואָס דורך איהם קריגט דער מענש באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען, זאָל ער, גאָט, אַליין עס ניט באַזיצען?

— אלזאָ, ווי מיר זעהן, קאָן מען קומען דורך לאָגיש דענקען צו דער איבערצייגונג, אַז דער מקור החכמה, וואָס מיר האָבען אַ נאָמען געגעבען „גאָט", וואָס איז די סיבה פֿון וועלט-באַשאַף, האָט יאָ אַ באַוואוסטזיין ווי אויך אַ פֿרייען ווילען. און אַזוי ווי די וויסענ־שאַפֿט ווייסט ניט גענוי וואָס עלעקטריציטעט איז, ווייל מען קאָן עס ניט זעהן און ניט אַנאַליזירען, דאָך איז די וויסענשאַפֿטס-וועלט איבערצייגט, אַז עס איז יאָ פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי עלעקטריציטעט, דורך דעם ווייל מען קריגט פֿון איהר ליכט, היץ און קראַפֿט. אַזוי איז אויך מיט דער גאָטהייט, כאָטש מיר קאָנען גאָט ניט זעהן, ווייל „אין לו גוף ואין לו דימיון כלל". דאָך ווען מיר זעהן אַזאַ שעהנע וועלט, גרויס, וואונדערליך, און מיט גרויס חכמה באַשאַפֿן געוואָרען, מוזען מיר קומען צום לאָגישען באַשלוס, אַז דער גולם—נאַטור, וואָס איז בלינד, טויב און שטום, איז ניט דער באַשעפֿער און ניט דער פֿירער פֿון דער וועלט, נאָר אַ גאָט וואָס איז דער „מקור החכמה", איז דער באַשאַפֿער און פֿירער, באַשטראַלענדיג די וועלט אומעטום, און אַלעס אין אוניווערזום איז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון זיין ווילען... ער באַזיצט אַ באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען, און האָט אויך געהאַט אַ פֿאַראויס-גערעכענטען פּלאַן פֿאַר אַלעס וואָס איז באַשאַפֿען געוואָרען אַזוי פֿאָלקאָמען...

V

פֿריינדע, איידער מיר געהן אַן ווייטער מיט אונזער ויכוח, מוז פֿאַר אונז קלאָר ווערען נאָך אַ וויכטיגע פֿראַגע, און דאָס איז פֿאָלגענדע: אַזוי ווי מיר האָבען די גאַנצע צייט גערעדט וועגען פֿרייען ווילען, פֿרעגט זיך: וואָס איז אַזוינס פֿרייער ווילן? אויבעט, ווי אַזוי ווערט דער פֿרייער ווילען אויסגעדריקט אין טהאַט?

— אלזאָ, מיר דאַרפֿען ניט פֿאַרגעסען, אַז אַ גרויסע טהייל פֿון

דער וויסענשאַפֿטליכער וועלט, מיט דעם גרויסען פֿילאָזאָף ברוך שפינאָזאַ בתוכם, זיינען מיט דער מיינונג, אַז עס עקזיסטירט ניט אַזאַ זאַך ווי „פֿרייער ווילען”. שפינאָזאַ זאָגט, אַז אַזוי ווי יעדע זאַך, אָדער פּאַסירונג, איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ סיבה וואָס האָט די זאַך אָדער פּאַסירונג פֿאַראורזאַכט, אַז דער מענש זאָל אַזוי האַנד-לען און ניט אַנדערש, מוז מען דערפֿאַר קומען צום באַשלוס, אַז דער ווילען ביים מענשען ווערט ניט באַשטימט פֿון איהם פֿריי-וויליג, נאָר עס ווערט באַשטימט אָדער פֿאַראורזאַכט דורך אַ סיבה, עקזיסטירט דאַן ניט קיין פֿרייער ווילען.

— עס איז אָבער פֿאַראַן אויך אַ גרויסע טהייל אין דער איצטיגער געזעלשאַפֿט און אויך צווישען אַלע רעליגיעס וועלכע באַהויפּטען, אַז דער מענש האָט יאָ אַ פֿרייען ווילען; זיי ערקלערען עס אויף דעם פֿאָלגענדען אופֿן: „יעדע טהאַט וואָס דער מענש באַגעהט, סיי אַ גוטע און סיי אַ שלעכטע, צו זיך אָדער צו אַנדערע, איז אַ טהאַט פֿון פֿרייען ווילען; דערום, ווען איינער באַגעהט אַ פֿאַר-ברעכען, ווי למשל, גנבה, גזלה א. ז. וו., ווערט ער באַשטראָפֿט פֿון געזעץ, ווייל די געזעלשאַפֿט אַנערקענט עס פֿאַר אַ טהאַט פֿון פֿרייען ווילען. סיידען דער מענש, וועלכער האָט דעם פֿאַרברעכען באַגאַנגען, איז גייסטיג קראַנק, ער איז ניט נאָרמאַל — דאַן קומט איהם ניט באַשטראָפֿען, ווייל ער ווייסט דאָך ניט אַז ער באַגעהט אַ פֿאַרברעכען. פֿאָלגליך, איז עס ניט קיין טהאַט פֿון פֿרייען ווילען: און אַנשטאַט אַ שטראָף דאַרף מען איהם שיקען אין אַ הייל-אַנשטאַלט פֿאַר גייסטיגע קראַנקע. אויך ווען איינער איז אַפֿילו גייסטיג נאָרמאַל און באַגעהט אַ פֿאַרברעכען ווייל מען האָט איהם געצוואונגען דורך גוואַלד, מען האָט איהם געדראָהעט מיט גע-ווער, אָדער מיט אַנדערע שרעק-מיטלען, קומט איהם אויך ניט קיין שטראָף, ווייל אויך דאָ איז זיין טהאַט ניט פֿון פֿרייען ווילען.

— ווי מיר זעהן, זיינען פֿאַראַן צוויי מיינונגען איבער פֿרייען ווילען, איינע אין געגענזאַץ צו דער צווייטער. וועלען מיר פּרו־בירען אויסגעפֿינען, וועלכע פֿון די צוויי מיינונגען איז די לאָגישע און ריכטיגע. ערשטענס, ווען מיר צוגלידערען די מיינונג פֿון די וואָס זאָגען, אַז אַלעס וואָס אַ מענש טהוט, מיט דער אויסנאַמע ווען ער איז ניט ביים זינען, אָדער ווען ער איז געצוואונגען דורך דראָהונג, איז אַ טהאַט פֿון פֿרייען ווילען, זעהן מיר אַז עס האַלט ניט אויס קיין קריטיק ווען מען ווענדעט עס אָן אין דער פּראַקטיק.

— לאָמיר נעהמען אַלס ביישפּיל, צום ערשטען, די טהאַטען וואָס זיינען נוגע „בין אדם לעצמו" (וואָס אַנבאַטרעפֿט זיך אַליין), ווי למשל, רויכערען, טרינקען שנאַפּס, געברויכען נאַרקאָטיקס וכדומה. שטעלט זיך די פֿראַגע: ווי וואָלט געווען ווען איינער פֿילט אַז רויכערען איז שעדליך פֿאַר זיין געזונד און באַשליסט עס אויפֿצוגעבען. נעמט מען אין אַנבאַטראַכט: רויכערט ער יאָ, הייסט עס, אַז ער טוט עס מיט זיין פֿרייען ווילען, ווייל קיינער צווינגט איהם ניט צו רויכערען; דאָך איז עס ניט קיין טהאַט פֿון פֿרייען ווילען, ווייל אין דער אמת'ן וויל ער דאָך אויפֿגעבען רויכערען, היות עס איז שעדליך פֿאַר זיין געזונד. אויב אָבער ער וועט ווירק־ליך אויפֿגעבען רויכערען דערפֿאַר, וואָס עס שאַדעט זיין געזונט, איז עס אויך ניט קיין טהאַט פֿון פֿרייען ווילען, ווייל לויט זיין גע־וואוינהייט וויל ער דאָך יאָ רויכערען. ווי מיר זעהן, אַלזאָ, איז ווי אַזוי דער מענש זאָל ניט האַנדלען, איז עס ניט קיין טהאַט פֿון זיין פֿרייען ווילען. רויכערען, נעמליך, איז נאָר איין ביישפּיל פֿון פֿילע אַנדערע; עס קאָן אויך אָנגעווענדעט ווערען צו שנאַפּס טרינקען, געברויכען נאַרקאָטיקס וכדומה. דאָס באַווייזט, אַז אין טהאַטען „בין אדם לעצמו" קאָן ניט זיין קיין טהאַט פֿון פֿרייען ווילען.

— יעצט וועלען מיר זעהן צי עס איז מעגליך אַ טהאַט פֿון פֿרייען ווילען „בין אדם לחברו” (צווישען מענש און מענש). אַ קינד, ווען עס געפֿעלט איהם אַ זאַך, אַפֿילו ווען עס געהערט ניט צו איהם, וועט ער עס נעהמען פֿראַנק און פֿריי, ווייל ער באַגרייפֿט ניט אויב עס איז אַ פֿאַרברעכען צו נעהמען עפּעס וואָס געהערט צו אַן אַנדערען אָהן דער ערלויבעניש פֿון אייגענטימער. אַזוי אויך איז מיט אַן אומנאָרמאַלען מענשען, וועלכער איז ניט באַוואוסט־זיניג אויף דעם פֿאַקט אַז ער באַגעהט אַ פֿאַרברעכען צונעמענדיג עפּעס וואָס געהערט ניט צו איהם. אָבער אַ נאָרמאַלער מענש, ווען ער באַגעהט אַ קרימינאַלע טהאַט, ווייס ער דאָך אַז ער טאָר דאָס ניט טאָן; און ווען ער באַגעהט יאָ אַ פֿאַרברעכען, דאַרף ער קריגען זיין שטראָף.

— פֿונדעסטוועגען האָב איך געלעזען אין די צייטונגען, אַז מען האָט אַרעסטירט אַ רייכע פֿרוי פֿאַר גנבה; און כאָטש זי איז אין יעדער הינזיכט געווען נאָרמאַל, און וויסענדיג אַז זי באַגעהט אַ פֿאַרברעכען, דער פֿאַקט וואָס זי האָט זיך געהיט מען זאָל ניט באַמערקען ווען זי איז באַגאַנגען דעם פֿאַרברעכען... קיין נויט־באַדערפֿטיגע איז זי אויך ניט געווען; זי איז געווען רייך גע־קליידעט, און האָט גרינג געקאָנט באַצאָלען פֿאַר אַלעם; דאָך האָט דער ריכטער אַנערקענט איהר אַדוואָקאַט'ס טענה, אַז די פֿרוי איז גייסטיג קראַנק אויף קלעפּטאָמאַניע, און זי איז באַפֿרייט גע־וואָרען.

— „קלעפּטאָמאַניע” איז אַ מעדיצינישער נאָמען פֿאַר ניט קענען זיך באַהערשען, ווען עס כאַפּט אַן אַ פֿאַרלאַנג צו גנב'ענען. פֿרעגט זיך: אויב איהר חולאת איז באַשטאַנען נאָר אין דעם וואָס ווען זי האָט דערפֿילט אַ חשק, אָדער אַ ווילען צו גנב'ענען, און נאָכגעבענדיג איהר ווילען, האָט זי דאָך געטאָן אַ טהאַט פֿון פֿרייען

ווילען לויט דער אויסטייטשונג פֿון דער איצטיגער געזעלשאַפֿטליכער סיסטעמע. אַי וואָס זי האָט זיך ניט געקענט באַהערשען! טאָ פֿון ווען אָן איז דאָס זיך ניט קענען באַהערשען אַן אויסרייד פֿאַר באַגעהן אַ קרימינאַלען אַקט? אַלע גוטע און פֿרומע לייט זאָגען דאָך, אַז אַ מענש מוז זיך יאָ קענען באַהערשען פֿון טאָן שלעכטעס. און אויב ער באַהערשט זיך ניט, מוז ער באַשטראַפֿט ווערען לויט'ן דין. דאָך האָט איהר דער ריכטער באַפֿרייט. גלייכצייטיג, ווען דער ריכטער האָט באַפֿרייט די רייכע דאַמע, וועלכע איז באַגאַנגען דעם פֿאַרברעכען אויס פֿרייען ווילען, האָט ער, דער זעלבער ריכטער, פֿאַרשיקט אין געפֿענגניש אַן אָרימע פֿרוי נאָר דערפֿאַר וואָס זי האָט צוגענומען פֿון אַ קראָם אַ פּאָר שיכלעך פֿאַר איהר קליין טעכטערל, כּדי זי זאָל קענען געהן אין שולע. און כאָטש די פֿרוי איז באַגאַנגען דעם פֿאַרברעכען ניט אויס איהר פֿרייען ווילען, נאָר ווייל זי איז געווען געצוואונגען דורך נויט, דאָך האָט איהר דער ריכטער באַשטראָפֿט.

איך וויל ניט מיספֿאַרשטאַנען ווערען, איך מיין דאָ ניט אַרויסשטעלען דעם ריכטער אין אַ שלעכטער ליכט און באַווייזען אַז ער, דער ריכטער, האָט אָנזעהן געהאַט מיט דער רייכער פֿרוי, ווייל זי איז פֿאַרמעגליך, און האָט באַשטראָפֿט אַן אָרימע פֿרוי ווייל זי איז אָרים. ניין, איך בין דאָ נאָר אויסען צו דערווייזען, אויף דער אויסטייטשונג פֿון די וואָס זאָגען, אַז דער מענש האָט אַ פֿרייען ווילען דאַרום איז ער פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר זיינע פֿאַרברעכערישע טהאַטען, קאָן ניט אָנגעווענדעט ווערען אין דער פּראַקטיק, און דערפֿאַר איז אַזאַ ערקלערונג פֿון פֿרייען ווילען אַ פֿאַלשע.

— איך גלויב, אַז די אָרימע פֿרוי האָט קיין שטראָף ניט פֿאַרדינט, ווייל אַזוי ווי עס ניט דערלאָזבאַר צו באַשטראָפֿען אַ מענשען דערפֿאַר ווייל גאָט האָט איהם באַשאַפֿען מיט אַן אייגענשאַפֿט צו

פֿילען הונגער, אַזוי אויך דאַרף זיין ניט דערלאָזבאַר צו באַשטראָ־פֿען איינעם מיט געפֿענגניש ווען די געזעלשאַפֿט גיט איהם ניט די מעגליכקייט צו אַרבייטען און פֿאַרדינען אויף אַן ערליכען אופֿן צו שטילען זיין הונגער און איז געצוואונגען דאַדורך צו גנב'ענען. די מאָטיוון פֿון ריכטער זיינען פֿאַרשטענדליך, ער מוז באַשיצען די איצטיגע אָרדענונג. און ווען ער וואָלט אָנגענומען, אַז נויט קאָן זיין אַ מחילה פֿאַר גנבה, און וואָלט די אָרימע פֿרוי באַפֿרייט, טאָ וואָרום אויך ניט באַפֿרייען איינעם וואָס ברעכט זיך אַריין אין אַ באַנק און נעמט אַרוים אַ פּאָר הונדערט דאָלער ווייל דער דאָק־טאָר האָט איהם צוגעשריבען אַז ער מוז פֿאָרען קיין קאָלאָראַדאָ זיך היילען פֿון טשאַכאָטקע?

— ווי מיר זעהן, ווען דער ריכטער וואָלט אַנערקענט נויט פֿאַר אַן ענטשולדיקונג פֿאַר גנבה, וואָלט עס געווען דער סוף פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמע. און אַזוי ווי די רייכע און זייערע באַשיצער האַלטען נאָך ניט ביים אויפֿגעבען זייער רעכט און מאַכט, דעריבער אַנערקענט ניט די איצטיגע הערשענדע געזעל־שאַפֿט אַז נויט איז אַ פֿאַרגעבונג פֿאַר פֿאַרברעכענס. וואָס זיי אַנער־קענען יאָ איז, אַז יעדער פֿאַרברעכער איז פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר זיינע פֿאַרברעכערישע טהאַטען און דערפֿאַר מוז ער באַשטראָפֿט ווערען, ווייל ער באַגעהט עס מיט זיין פֿרייען ווילען, און „למען ישמעו ויראו", כּדי אַנדערע זאָלען הערען און פֿורכטען (פֿאַר אַ שטראָף).

— לויט מיין מיינונג, איז אַזאַ אויסטייטשונג פֿון פֿרייען ווילען אַ פֿאַלשע. איך גלויב, אַז ניט נאָר איז אַזאַ פֿאַרברעכען ווי די אָרימע פֿרוי איז באַגאַנגען ניט קיין טהאַט פֿון פֿרייען ווילען און דער ריכטער האָט דערפֿאַר קיין מאָראַלישע רעכט ניט געהאַט זי צו באַשטראָפֿען, נאָר איך דענק, אַז עס איז איבערהויפּט ניט פֿאַראַן

אזאַ פֿאַרברעכער וועלכער זאָל פֿאַרשיקט ווערען אין געפֿענגניש אַלס אַן עונש פֿאַר אַ חטא וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען דורך זיין פֿרייען ווילען, ווייל ווען מען זאָל נאָכזוכען די סיבות, וואָס האָבען געמאַכט מענשען פֿאַר פֿאַרברעכער, וועט מען געפֿינען, אַז אויב זיי זיינען ניט גייסטיג קראַנק, זיינען עס געווען שטאַרקע עקאָנאָמישע אומשטענדען וועלכע האָבען געווירקט אויף זיי צו ווערען פֿאַרברעכער אָבער ניט דורך אַ פֿרייען ווילען!

— מען וואָלט אויסגעפֿונען, אַז אַ גאָר גרויסער פּראָצענט פֿון פֿאַרברעכער האָבען קליינערהייד ניט געקראָגען קיין ריכטיגע ערציהונג, סיי אין קערפּערליכער הינזיכט און סיי אין גייסטיקער, ווי אויך מאָראַלישער. זייערע עלטערען, אָרימע און נידערגעשלאָגענע עקאָנאָמיש, האָבען ניט נאָר ניט געהאַט די מעגליכקייט אַכטונג צו געבען אויף זייערע קינדער׳ס גייסטיגע ערציהונג, נאָר זיי האָבען אַפֿילו ניט געהאַט זיי צו געבען ברויט צו זאַט, און זיי, די קינדער, האָבען פֿאַרבראַכט אין אַ סביבה פֿון קינדער אויך אין די זעלבע אומשטענדען און האָבען צוזאמען גע׳גנב׳עט קלייניגקייטען אום צו שטילען זייער הונגער און נויט. און ווען זיי זיינען אַריינגעפֿאַלען אין די הענט פֿון געזעץ איז, אַנשטאַט זיי אַריינצונעמען אין אַן אַנשטאַלט, וואו מען זאָל אַזעלכע אומגליקליכע קינדער געבען אַן ערציהונג דורך ליבע און צערטליכקייט, האָט מען זיי גאָר פֿאַרשיקט אין פּלעצער צווישען ערפֿאַרענע פֿאַרברעכער, און ווען זיי זיינען שוין פֿון דאָרט אַרויס, זיינען זיי געוואָרען פֿולשטענדיגע פֿאַרברעכער! דאַן קומט די געזעלשאַפֿט און שרייט אַז עס קומט זיי באַשטראָפֿען, ווייל זייערע קרימינאַלע טהאַטען זיינען אַ רעזולטאַט פֿון זייער פֿרייען ווילען...

— ווייטער, דיזע אומגליקליכע קרבנות קענען דאָך האָבען טענות צו דער איצטיגער געזעלשאַפֿט און זאָגען: „נאָר דורך

אייער אונגערעכטער סיסטעמע זיינען מיר געוואָרען אַפּפער פֿון די פֿאַרפֿלוכטע עקאָנאָמישע אומשטענדען; פֿון אומשולדיגע קינדער האָט איהר געמאַכט פֿון אונז ערוואַקסענע פֿאַרברעכער! ווען אונזערע עלטערען וואָלטען געווען אין אַ בעסערען עקאָנאָמישן מצב, וואָלטען מיר געהאַט די מעגליכקייט צו קריגען אַ בעסערע ערציהונג און וואָלטען אויסגעוואַקסען גוטע, אָרענטליכע בירגער! צום סוף באַשטראָפֿט מען אונז גאָר, מיט דעם אויסרייד, אַז אונזערע קרימינעלע טהאַטען זיינען אַ רעזולטאַט פֿון אונזער פֿרייען ווילען"...

— דענק איך, אַז אויב מיר קענען דערוויל די סיסטעמע ניט אויסבעסערען אַזוי, אַז יעדער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו אַרבייטען און פֿאַרדינען גענוג אויף אַ באַקוועמען לעבען, מוז דערוויל די געזעלשאַפֿט לכל הפחות איהרע קרבנות ניט פֿאַרשיקען אין געפֿענגניש אַלס שטראָף, נאָר האַלטען זיי אין אַנשטאַלטען און מיט געדולד און מענשליכע באַהאַנדלונג, צוריק ערוועקען אין די פֿאַרברעכער מענשליכע געפֿיהלען און גוטע מידות, וועלכע זי, די געזעלשאַפֿט, האָט אין זיי דערשטיקט ווען זיי זיינען נאָך קליין און הילפֿלאָז געווען, און מאַכען פֿון זיי נוצליכע בירגער.

— לויט די פֿאַקטען, וואָס איך האָב געבראַכט, איז די אויסטייטשונג פֿון פֿרייען ווילען פֿון הערשענדען קלאַס ווייט ניט ריכטיג; עס האָט ניט קיין באָדען; עס האַלט ניט אויס קיין קריטיק. יעצט וועלען מיר זעהן, צי זיינען גערעכט די יעניגע וואָס זאָגען, אַז עס עקזיסטירט ניט אַזאַ זאַך ווי פֿרייער ווילען ביים מענשען.

— ווי איך האָב שוין פֿריהער באַמערקט, איז ברוך שפּינאָזאַ מיט דער מיינונג, אַז יעדער „ווילען" איז אַ רעזולטאַט וואָס איז פֿאַראורזאַכט געוואָרען פֿון אַ סיבה. דאַרום איז דער „ווילען" ניט אין מענשענ'ס רשות. דער מענש וויל, ניט ווייל ער איז פֿריי צו

וועלען, נאָר ווייל ער קאָן זיך ניט העלפֿען פֿון ניט וועלען. דער־פֿאַר איז אַ ווילען, וואָס קומט פֿון אַ סיבה, אַ געצוואונגענער „ווילען" און ניט קיין פֿרייער. צום ביישפּיל: שפּינאָזאַ זאָגט, „אַז דער דראַנג צו לעבען איז געווען די אורזאַכע וואָס האָט באַשטימט די אינסטינקטען; דער אינסטינקט באַשטימט דעם פֿאַרלאַנג; דער פֿאַרלאַנג — די טהאַטען, א. אַ. וו." דורך דעם באַווייזט שפּינאָזאַ ווי אַזוי עס איז תּמיד פֿאַראַן אַן אורזאַכע אויף אַן אורזאַכע, סיבות אויף סיבות. קיין זאַך קאָן ניט פּאַסירען גלאַט אַזוי, סתם אין דער וועלט אַריין. אום צו פֿאַרשטעהן דעם געדאַנק דייטליכער, וועל איך עס ערקלערען אויף מיין עמכאַ'שען אופֿן: מיר ווייסען, אַז כּדי דער מענש זאָל קענען עקזיסטירען, מוז ער עסען, טרינקען, שלאָפֿען וכדומה. די נאַטור האָט באַשאַפֿען דעם מענשען מיט אַ באַגער, אָדער ווילען, צו לעבען. אָט דער לעבענס באַגער אָדער ווילען צו לעבען האָט פֿאַראורזאַכט, אָדער ענטוויקעלט, ביים מענ־שען פֿאַרשידענע אינסטינקטען. איינער פֿון זיי איז הונגער. דער הונגער, כאָטש ער איז דער רעזולטאַט וואָס איז פֿאַראורזאַכט גע־וואָרען פֿון לעבענס באַגער, ווערט נאָכהער אַליין אַן אורזאַכע צו צווינגען די אברים וועלכע דאַרפֿען דורכפֿיהרען די טהאַט פֿון עסען. און אַזוי איז דורשט די אורזאַכע וואָס צווינגט דעם מענשען צו טרינקען, א. ז. וו. מיט אַנדערע ווערטער, דער מענש עסט, טרינקט, שלאָפֿט ניט מיט זיין פֿרייען ווילען, נאָר ער ווערט געצוואונגען פֿון די אינסטינקטען דורך די ליידען פֿון הונגער, דורשט און מידקייט. נו, אַזוי ווייט, זעהט אויס, איז שפּינאָזאַ גערעכט מיט זיין באַ־הויפּטונג, אַז דער ווילען ביים מענשען איז ניט פֿריי, נאָר אַ רעזול־טאַט פֿון נאַטור'ס פֿאַרלאַנגען... מיר קענען נאָך געהן ווייטער און זאָגען: ניט נאָר אין די נאַטור־פֿאַרלאַנגען האָט דער מענש ניט קיין פֿרייען ווילען, נאָר אויך אַפֿילו אין די געוואוינהייטס פֿאַר־

לאַנגען, ווי למשל, שיכרות, רויכערען וכדומה, האָט דער מענש דאָ אויך ניט קיין פֿרייען ווילען. און כאָטש רויכערען, שיכרות און ענליכעס דאַרף דער מענש ניט צוליב זיין עקזיסטענץ, פֿונדעסט־וועגען זיינען אָט די געוואוינהייטען ביי מאַנכע אַזוי שטאַרק ענט־וויקעלט, אַז עס ווערט ביי זיי אַ צווייטע נאַטור; דערפֿאַר זיינען די טהאַטען פֿון געוואוינהייטס פֿאַרלאַנגען אַזוי ווי די טהאַטען פֿון נאַטור־פֿאַרלאַנגען ניט קיין טהאַט פֿון פֿרייען ווילען. דער מענש גיט נאָך די געוואוינהייטען, ווייל אויך דאָ איז דער מענש דער שקלאַף און זיינע געוואוינהייטען די הערשער. און אַפילו ווען דער מענש באַהערשט די געוואוינהייטען, איז עס אויך ניט דורך דעם פֿרייען ווילען, נאָר אויך דאָ ווירקען אורזאַכען וואָס צווינגען איהם אויפֿצוגעבען זיינע געוואוינהייטען, און ער בלייבט דער זעלבער שקלאַף אָהן אַ פֿרייען ווילען.

— און אָט וואָרום: ווען מיר שטעלען זיך די פֿראַגע, וואָרום ווערט דער ליידענשאַפֿטליכער רויכערער באַהערשט פֿון דעם גע־פֿיהל צום טאַבאַק? מוז דער ענטפֿער זיין דאָס פֿאָלגענדע: עס איז ניט דערפֿאַר, ווי מאַנכע דענקען, ווייל ער האָט הנאה פֿון רויכערען. ניין! נאָר דאָרין ליגט אַן אַנדער סיבה, נעמליך: עס איז דערפֿאַר ווייל דער רויכערער ליידעט ווען ער שטעלט ניט צופֿרידען זיין פֿאַרלאַנג, פּונקט ווי דער מענש עסט, ניט דערפֿאַר ווייל ער האָט הנאה פֿון עסען, נאָר ווייל ער מוז זיך שפּייזען, אויב ניט, ליידעט ער הונגער; דאָס פֿאַרגעניגען איז אַ פּועל יוצא פֿון דער אַכילה, און ניט די אורזאַכע. אַזוי איז עס מיט דעם חשק פֿון הרגל; ער ליידעט ווען ער שטעלט ניט צופֿרידען זיין געוואוינהייט — די הנאה קומט אַלס רעזולטאַט. דערפֿאַר איז אויך דאָס באַהערשען זיך ניט צו רויכערען אויך ניט קיין טהאַט פֿון פֿרייען ווילען, ווייל באַהערשען זיך ניט צו רויכערען איז פֿאַרבונדען מיט אַן אורזאַכע. די אורזאַכע

קאָן זיין איז, דער שאָדען וואָס ווערט געמאַכט פאַר זיין געזונט ווען ער רויכערט יאָ. עס איז נאָר די פראַגע, פון וועלכער אור־זאַכע ער ליידעט מעהר: ליידעט ער שטאַרקער ווען ער רויכערט יאָ, וועלען זיינע ליידען איהם צווינגען אויפצוגעבען רויכערען; וועט ער אָבער ליידען שטאַרקער ווען ער וועט באַקמפן דעם פאַר־לאַנג, וועט ער ניט אויסהאַלטען זיין באַשלוס און וועט בלייבען צוריק אַ ליידענשאַפטליכער רויכערער. למשל: צוויי פרויען שפּאַ־צירען אין מאַרק און דערזעהן אין אַ פענסטער פון אַ קראָם געוויסע נאַשערייען. איין פרוי קויפט די נאַשערייען, ווייל איהרע ליידען זיינען שטאַרקער ווען זי באַפרידיגט ניט איהר פאַרלאַנג ווי זי וואָלט ליידען ווען איהר קינד וועט דערפאַר ניט האָבען קיין שיכלעך. די צווייטע פרוי קויפט בעסער שיכלעך פאַר איהר קינד און באַהערשט יאָ דעם פאַרלאַנג נאָך די נאַשערייען, ווייל זי פילט, אַז זי וועט ליידען שטאַרקער ווען איהר קינד וועט ניט האָבען קיין שיכלעך ווי פון דעם וואָס זי וועט זיך ניט באַפרידיגען מיט די צוקערקעס. און כאָטש מיר סימפּאַטיזירען מיט דער מוטער, וועלכע האָט בעסער געקויפט שיכלעך פאַר איהר קינד איידער צוקערקעס, זיינען אָבער ביידענס טהאַטען דער רע־זולטאַט פון איינע און די זעלבע אורזאַכען, נעמליך, זיי זיינען בע־איינפלוסט געוואָרען פון די ליידען פון וועלכע זיי וואָלטען געליטען ווען זיי טוען דאָס געגענטייל. פאָלגליך זיינען ביידענס טהאַטען, כאָטש אין געגענזאַץ איינע פון דער אַנדערער, דאָך ניט קיין טהאַט פון פרייען ווילען.

— אלזאָ, ווי אַזוי דער מענש זאָל ניט האַנדלען אין באַצוג צו זיינע נאַטירליכע און געוואוינהייטס פאַרלאַנגען, איז עס אַ רע־

זולטאַט פֿון אורזאַכען וועלכע זיינען אויסער זיין רשות; און דער־פֿאַר זאָגט טאַקע שפּינאָזא און פֿילע אַנדערע, אַז עס עקזיסטירט ניט אַזאַ זאַך ווי אַ פֿרייער ווילען.

— איך וויל דאָ נאָך ברייגנען אַ ציטאַטע פֿון „פּרקי אבות“, פּרק ד׳. זאָגט דאָרט רבי אלעזר הקפּר: „שעל כרחך אתה נוצר, דורך צוואַנג ווערסטו באַשאַפֿען; ועל כרחך ווערסטו געבאָרען; ועל כרחך לעבסטו; ועל כרחך שטאַרבסטו; ועל כרחך וועסטו מוזען אָפּגעבען רעכענונג פֿאַר דיינע מעשים צו גאָט ב״ה!“ לאָמיר זעהן, וואָס איז דער געדאַנק פֿון די בעל כרחות: „ועל כרחך ווערסטו באַשאַפֿען“. איך וועל דאָ אילוסטרירען: אַ פֿאָטער באַ־פֿעלט זיין קינד צו געהן עפּעס קויפֿען פֿאַר איהם, אָבער דאָס קינד ענטזאָגט זיך צו פֿאָלגען דעם פֿאָטער (אַ גאַנץ מעגליכע ערשיי־נונג היינטיקע צייטען). דער פֿאָטער בייזערט זיך דאַן אָן אויפֿ׳ן קינד און איז באַרייט איהם דערפֿאַר צו באַשטראָפֿען. אוים מורא פֿאַר׳ן פֿאָטער׳ס שטראָף, טוט ער, דאָס קינד, דעם פֿאָטער׳ס ווילען; פֿאַרשטענדליך, אַז עס ווערט ניט געטאָן מיט׳ן פֿרייען ווילען פֿון קינד נאָר „בעל כרחך“, ווייל דאָס קינד האָט מורא פֿאַר׳ן פֿאָטער׳ס שטראָף.

— ווי איז אָבער ווען דער פֿאָטער איז ניט קיין שטרענגער און, אַנשטאָט צו דראָהען דעם קינד פֿאַר זיין אונגעהאָרכזאַמקייט, גיט ער איהם געלט צו קויפֿען זיך נאַשערייען כדי אים צו פֿאָלגען! טוט אַפֿילו דאַן דאָס קינד דעם פֿאָטער׳ס וואונש בעל כרחך, נאָר אַנשטאָט מורא צו האָבען פֿאַר׳ן עונש, איז עס דער ערוואַרטעטער פֿאַרגעניגען פֿון די נאַשערייען וואָס מאַכט אים פֿאָלגען זיין פֿאָטער. עס איז דאָך אָבער אויך מיט אַ „בעל כרחך“, ניט קיין פֿרייען ווילען! אַזוי איז אויך מיט דעם „בעל כרחך אתה נוצר“, מיט צוואַנג ווערסטו באַשאַפֿען.

— רבי אלעזר הקפּר זאָגט צום מענשען, אום דו זאָלסט באַשאַפן ווערען, האָט גאָט געגעבען דיין פאָטער און מוטער אַ ליידענשאַפט לוסט איינער צום צווייטען... און דורך דיזער נאַשעריי ביסטו באַשאַפן געוואָרען, ניט וויל דיינע עלטערען האָבען דיך געוואָלט האָבען מיט זייער פרייען ווילען. ניין! נאָר זיי זיינען געצוואונגען דורך דעם געפיהל פון תאוה איינער צום צווייטען...

— ועל כרחך ביסטו געבאָרען, דורך די „חבלי לידה" (וועהען), וואָס דיין מוטער האָט געקראָגען, האָט עס דיך געצוואונגען ארויסקומען אויף דער וועלט... אזוי אויך לעבסטו בעל כרחך: גאָט'ס ווילען איז דער מענש זאָל עקזיסטירען. און כדי ער זאָל האָבען אַ קיום, מוז דער מענש עסען, טרינקען, וכדומה, און דערפאַר האָט גאָט באַשאַפן דעם מענשען מיט אינסטינקטען פון הונגער, דורשט און מיט אַלע אַנדערע אינסטינקטען וועלכע צווינגען דעם „יליד איש" צו ערפיהלען די פאַרלאַנגען כדי ער זאָל ניט ליידען. ועל כרחך שטאַרבסטו. נו, שטאַרבען וויל דאָך אוודאי קיינער ניט! ועל כרחך ווערסטו מוזען אָפּגעבען דין וחשבון, אַ פולע רעכענונג פאַר גאָט יתברך שמו. עס איז פאַרשטענדליך, דאָס יעדער מענש האָט עפּעס אויף זיין געוויסען פון וועלכען ער וואָלט זעהר ניט געוואָלט אָפּגעבען רעכנונג פאַר גאָט, אָבער ער וועט עס מוזען טאָן בעל כרחך.

— פון די אַלע פאַקטען, וואָס איך האָב דאָ פאַר אייך אנאַליזירט, האָבען מיר ניט געקענט געפינען איין טהאַט וואָס זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון פרייען ווילען; עס זעהט אויס דאָס וואָס אנבאַלאַנגט מענשליכע טהאַטען, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט נאַטירליכע און געוואוינהייטס פאַרלאַנגען, איז טאַקע קיין פרייער ווילען ניט פאַראַן. דערפאַר זיינען אויך די פאַרברעכערישע טהאַטען וואָס איינער באַגעהט דורך אָרימקייט ניט קיין טהאַט פון

פֿרייען ווילען. מיט אַנדערע ווערטער, יעדע טהאַט וואָס ווערט באַשטימט פֿון נאַטירליכע געפֿיהלען אָדער געוואוינהייטען, איז אַ צוואַנג טהאַט, אַ „פּועל בעל כרחה״, און ניט פֿון פֿרייען ווילען.

— איך גלויב אָבער, דאָס ווען מיר זאָלען איבערקערען די יוצרות און זאָגען: אמת, עס קאָן ניט זיין קיין טהאַט פֿון פֿרייען ווילען כל זמן דער געפֿיהל, אָדער אינסטינקט, באַשטימט דעם ווילען. ווי איז אָבער מיט די טהאַטען וואָס ניט דער געפֿיהל און ניט דער אינסטינקט און אויך ניט די געוואוינהייט באַשטימט עס, נאָר עס ווערט באַשטימט דורך פֿאַרנונפֿט אָדער שכל? ווען אַ טהאַט איז אַ פּועל יוצא פֿון דעם רצון, וואָס איז באַשטימט פֿון שכל הישר, דאַן איז דאָך אַזאַ ווילען ניט קיין געצוואונגערע, און דער פֿאַר א פֿרייער ווילען!...

— איך וועל פּרובירען, דורך אַ ביישפּיל, ערקלערען מיין שטאַנדפּונקט: צוויי פֿילאַנטראָפּען גיבען גרויסע נדבות פֿאַר אַ שפּיטאָל. איינער גיט ווייל ער דענקט, היות ווי עס זיינען פֿאַראַן קראַנקע און הילפֿלאָזע, דערשלאָגענע פֿון דלות, און קענען ניט באַצאָלען פֿאַר אַלעם וואָס דער שפּיטאָל טוט פֿאַר זיי, דענקט ער עס איז זיין חוב אַלס רייכער מענש זיי צו העלפֿען. דאָס מיינט, ער נעמט אויף זיך אַ פֿרייוויליגע פֿליכט, ער איז פֿון קיינעם ניט געצוואונגען דאָס צו טאָן. דאָס קאָן הייסען אַ טהאַט פֿון פֿרייען ווילען, ווייל עס קומט ניט פֿון געפֿיל נאָר פֿון שכל הישר. דער צווייטער פֿילאַנטראָפּ העלפֿט אויך די הילפֿלאָזע, אָבער ער טוט עס ווייל זיין רחמנות געפֿיהל האָט אים איבערוועלטיגט; ער ליידעט דורך זיין מיטלייד-אינסטינקט ווען ער זעהט ווי מענשען מוטשען זיך. און כאָטש ער העלפֿט די אומגליקליכע צו פֿאַרגרינגערען זייערע ליידען, טוט ער עס אָבער ניט פֿרייוויליג, נאָר ער איז גע־צוואונגען דורך זיין שטאַרקען געפֿיהל פֿון רחמנות- וואָס ער באַ-

זיצט, זיי צו העלפֿען. דאָס מיינט: ער העלפֿט די ליידענדע ווייל ער אַליין ליידעט. וואָלט ער ניט געליטען פֿון זיין רחמנות אינ־סטינקט, וואָס גאָט האָט אין איהם באַשאַפֿען, וואָלט ער די אָרימע ניט געהאָלפֿען; ער איז אַ שקלאַף צום רחמנות געפֿיהל. אמת, אַ סימפּאַטישער שקלאַף, אָבער דאָך אַ שקלאַף אָהן אַ פֿרייען ווילען. עס איז אויך פֿאַרשטענדליך, אַז אין מאָראַלישען זין שטעהט דער ערשטער פֿילאַנטראָפּ פֿיל העכער פֿון צווייטען וואָס העלפֿט אַנ־דערע ווייל ער איז פּשוט געצוואונגען דורך דעם מיטלייד אינ־סטינקט. דער ערשטער פֿילאַנטראָפּ העלפֿט כּדי די אָרימע זאָלען ניט ליידען; דער צווייטער, כּדי ער אַליין זאָל ניט ליידען.

— ווי מיר זעהן, איז יאָ פֿאַראַן אַ פֿרייער ווילען, אָבער ניט דער ווילען וואָס ווערט באַשטימט פֿון נאַטור׳ס אָדער געוואוינ־הייט׳ס פֿאַרלאַנגען; נאָר אַ פֿרייער ווילען איז דער, וואָס ווערט באַשטימט פֿון געדאַנק און שכל הישר. און אַזוי ווי נאָר דורכ׳ן שכל קאָן באַשטימט ווערען דער פֿרייער ווילען, און אַזוי ווי דער מענש שעפּט זיין שכל פֿון מקור החכמה, וואָס איז „גאָט", היינט אויף וויפֿיל מעהר קאָן עס זיך אויסדריקען דער פֿרייער ווילען פֿון מקור החכמה אַליין, ווען ער איז דאָך ניט אונטערוואָרפֿען צו קיינע געפֿיהלען און אינסטינקטען וועלכע זאָלען איהם נויטען צו טאָן אַזוי און ניט אַנדערש!

— ער, זייענדיג דער „קדמון לכל דבר"; ער, דער באַשאַפֿער פֿון אַלע נאַטור־געזעצן — האָבען זיי דאָך איהם ניט געקאָנט באַהערשען, ווייל זיי זיינען דאָך דער רעזולטאַט פֿון זיין ווילען און דערפֿאַר איז אַלעס וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, און וואָס ווערט געפֿיהרט אַזוי פֿאָלקאָמען, איז דער רעזולטאַט פֿון מקור החכמה׳ס פֿרייען ווילען.

VI

— יעצט וועלען מיר אַנגעהן ווייטער מיט אונזער ויכּוח. בן שלמה פֿרעגט: „אַ גאָט, וואָס האָט די מאַכט אַזאַ גרויסע וואונדערליכע וועלט צו באַשאַפֿען, ווארום האָט ביים אַלמעכטיגען גענומען ביליאָנען יאָהרען זי צו ענטוויקלען?"

— מיין ענטפֿער: עס איז דאָך אַ כּלל, אַז רוים און צייט זיינען אונענדליך; פֿאָלגליך, ווען מיר זאָגען אויף עפּעס, אַז עס איז גרויס, מיינען מיר, עס איז גרעסער אין פֿאַרגלייך מיט אַ צווייטען עפּעס. ווען מיר זאָגען, אַז אַ מענש אַכט פֿוס הויך איז זעהר הויך, איז עס דערפֿאַר ווייל דער דורכשניטליכער מענש איז פֿיל נידעריגער; און ווען מיר זאָגען, אַז אַ מענש הונדערט יאָהר אַלט איז זעהר אַן אַלטער מאַן, איז עס ניט דערפֿאַר ווייל הונדערט יאָהר איז אַ גרויסע צאָהל יאָהרען. ניין! עס איז דערפֿאַר ווייל אַ מענש'ס לעבען איז אין דורכשניט פֿיל ווינציקער. מען זאָגט, עס זיינען פֿאַראַן פֿליגעלעך וועלכע ווערען געבאָרען זומער מיט'ן זונען אויפֿגאַנג, און ביז די זון געהט אונטער ענטוויקלען זיי זיך, לעגען אייערלעך און שטאַרבען אַוועק.

— לאָמיר זיך יעצט פֿאַרשטעלען, אַז צווישען זיי געפֿינען זיך ווײסענשאַפֿטס-פֿליגעלעך, און זיי האַלטען אַ לעקציע פֿאַר זייערע תּלמידים, דערציילענדיג אַז זיי האָבען ענטדעקט אַזעלכע ברואים וואָס רופֿען זיך „מענשען", און אַט די מענשען זיינען אַזוי גרויס, „אַז עס וואָלט געדויערט ביי אונז פֿליגעלעך אַ גאַנצען לעבען אַריבער צו קריכען אַט דעם מענשען'ס קערפער". זעלבסט פֿאַרשטענדליך, זיי וואָלטען זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז מיר מענשען זיינען גרויסע קרעאַטורען, פּונקט ווי מיר וואָלטען געדענקט פֿון אַ חיה וועלכע איז אַזוי גרויס וואָס עס וואָלט געדויערט אַ מענשליכעס לעבען איבער צו געהן דעם קערפער פֿון אַזאַ חיה.

— אויך וואָלטען די וויסענשאַפטס-פליגעלעך ערקלערט, אַז דאָס לעבען פון אַ די מענשען דויערט זעהר לאַנג. שטעלט אייך פאָר, זאָגען זיי, „ווען אונזער אַ קינד-פליגעלע ווערט געבאָרען אין איין צייט מיט אַ מענשען-קינד, איז ווען אונזערם אַ פליגעלע, וואָס וועט געבאָרען ווערען שפעטער מיט פינף און צוואַנציג טויזענד דורות, וועט עס נאָך אַלץ טרעפען דאָס זעלבע מענשען-קינד אויף דער וועלט". דאָ אויך וואָלטען די פליגעלעך געדענקט, אַז מיר לעבען זעהר פיל יאָהרען, כאָטש ביי אונז איז זיבציג יאָהר גאָר ניט אַזוי פיל. אַן ענליכער צופאַל וואָלט אונז מאַכען דענקען, ווען מיר ענטדעקען אַ חיה, וואָס לעבט פינף און צוואַנציג טויזענד מענשליכע דורות, וואָס מאַכט אויס אַ קימא לן פון אַ האַלב מיליאָן יאָהרען, אַז זי, די חיה, לעבט זעהר פיעל.

— ווי מיר זעהן, עקזיסטירט ניט אַזאַ זאַך ווי גרויס, קליין, פיעל און ווינציג; נאָר מיר געפינען גרעסער, קלענער, מעהר און ווינציגער. און מיר מענשען מעסטען און צעהלען די מאָס און צאָל נאָך אונזער באַגריף. און יעצט לאָמיר זיך פאָרשטעלען, דאָס מיר מענשען לעבען ביליאָנען יאָהרען אַנשטאָט זיבציג, און ווערענד אונזער לעבען זעהן מיר ווי פלאַנעטען ווערען ענטוויקעלט פאָר אונזער צייט, מיר וואָלטען זעהן ווי אַ נעבולע באַוועגט זיך מיליאָנען יאָהרען און פון איהר באַוועגונג-היץ ענטוויקעלט זיך אַ פייער, נאָכהער נאָך מיליאָנען יאָהרען פון גיהנם היץ שיסט עס מיט ימים רעגענס, און פון די רעגענס ווערט דאָס פייער אָפגעקילט אין מאַנכע פלעצער ביז עס באַווייזט זיך ערד, א. אַ. וו. און ביי יעדער שטופע פון ענטוויקלונג וואָלטען מיר איינגעזעהן ווי וואונדערליך און נאַטירליך אַלץ ענטוויקעלט זיך! מיר וואָלטען דאַן ניט געפרעגט, וואָרום עס האָט גענומען ביי גאָט ביליאָנען יאָהרען צו ענטוויקלען די וועלט? אַזוי ווי מיר פרעגן ניט איצט: וואָרום גע-

דויערט צוואַנציק יאָהר ביז דער מענש ווערט רייף פיזיש און גייסטיג? מיר זעהן גראַדע, פאַרקערט, מיט וואָס פאַר אַ חכמה גאָט האָט באַשאַפען די נאַטור געזעצען, דאָס אַ מוטער זאָל גע־באָרען אַ קינד אין אַ קליינער מאָס, ווייל אויב ניט וואָלט די מוטער ניט אויסהאַלטען קערפערליך, און די וועלט וואָלט קיין קיום ניט געהאַט...

— דאָס פליגעלע וואָלט אויך געקענט פרעגען „וואָס איז דאָס פאַר אַ גאָט וואָס עס דויערט ביי איהם טויזענדע פליגען דורות ביז דאָס מענשען קינד ענטוויקעלט זיך פיזיש און גייסטיג?" אָבער ביי אונז מענשען קינדער וואָלט אַזאַ פראַגע אויסגעקוקט נאַריש, ווייל מיר האָבען די מעגליכקייט צו באַגרייפען דאָס עס איז מעהר שכל'דיג ווען דער מענש ענטוויקעלט זיך שטופענווייז; אַזוי איז אויך מעגליך דאָס לעבענדיג מיליאָנען יאָהרען, וואָלטען מיר איינגעזעהן דאָס וואָס מיר קענען יעצט ניט זעהן: אַז עס איז בעסער אַזוי צוליב קיום העולם, וואָס דער מקור החכמה האָט די וועלט באַשאַפען מיט דער אייגענשאַפט זיך צו ענטוויקלען שטופענווייז.

— ווידער, ווען מיר פאַרהערליכען אַ מאַרקאָני אָדער אַן עדי־סאָן, איז עס פאַר דער גרויסקייט און חכמה וואָס ליגט אין זייער ערפינדונג, און עס מאַכט קיין אונטערשייד וויפיל צייט עס האָט ביי זיי גענדויערט. אַזוי איז אויך מיט דעם „קדמון לכל דבר". מיר באַוואונדערען זיינע ווערק, די וועלט און אַלעם וואָס אין איהר איז פאַראַן, פאַר איהר שעהנקייט, הערליכקייט און פאַר דער גרויסער חכמה וואָס געפינט זיך אין די נאַטור געזעצען, וואָס אַרבייטען אַזוי פאָלקאָמען. און עס דאַרף ניט מאַכען קיין אונטערשיד ווי לאַנג עס האָט געדויערט דאָס אַלעס צו ענטוויקלען, ווייל מיר צעהלען און מעסטען אַלעם נאָך אונזער באַגריף פון מאָס און צאָל. דערפאַר דענקען מיר, אַז ביליאָנען יאָהרען זיינען ־זעהר אַ לאַנגע, לאַנגע

צייט, אָבער מיר פֿאַרגעסן צו נעמען אין אַנבאַטראַכט, אַז ביים „קדמון לכל דבר" איז עס ניט מעהר „כיום אתמול".

VII

— בן שלמה האָט געפֿרעגט: „אויב גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, טאָ ווער האָט איהם באַשאַפֿן?" לויט דיזער פֿראַגע קומט אויס, אַז בן שלמה גלויבט ניט אין אַ גאָט נאָר דערפֿאַר ווייל ער ווייס ניט ווער עס האָט איהם באַשאַפֿן! מיין תשובה איז: אַזוי ווי בן שלמה איז אַ גרויסער חסיד פֿון דער וויסענשאַפֿט, וועל איך נאָך אַמאָל ברייגנען דעם זעלבען פֿאַקט, און דאָס איז מכח עלעקטריציטעט. אויב עס האַלט ניט אָפּ די וויסענשאַפֿט צו זיין איבערצייגט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי עלעקטרי, ניט וויסענדיג ווי עס זעהט אויס און ניט זייענדיג ביכולת צו אַנאַליזירען עס, דאָך זיין איבערצייגט אין איהר עקזיסטענץ, היות מען קריגט אַרויס פֿון איהר ליכט, וואַרעמקייט און קראַפֿט — טאָ וואָרום זאָלען מיר אויך דאָ ניט זיין איבערצייגט, אַז עס עקזיסטירט אַ גאָט, כאָטש מיר ווייסען ניט ווי ער זעהט אויס, ווי ער האָט זיך גענומען, און ווער עס האָט איהם באַשאַפֿען? ווען מיר זעהן אָבער, אַז דורך אָט דער ניט זעהנדער קראַפֿט קריגען מיר ניט נאָר ליכט, וואַרעמקייט און קראַפֿט, נאָר אויך לעבען, שכל, באַוואוסטזיין און פֿרייען ווילען, דאַן הויבען מיר שוין אָן צו דענקען מעהר פּאָזיטיוו וועגען דעם קיום פֿון אַ בורא, פֿון אַ העכער איבער העכער שאַ־פֿונגס־קראַפֿט, וואָס מיר רופֿען אָן גאָט!

VIII

נאָך אַ קורצער צייט זעצט פֿאָר בן שלמה זיינע פֿראַגעס.

בן שלמה: מיין פֿראַגע איז ווי פֿאָלגט: אויב בן צבי דענקט, אַז דורך לאָגיש דענקען קאָן מען קומען צו דער איבערצייגונג אַז

עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, טאָ וואָרום גלויבען הונדערטע מיליאָנען אין גאָט דורך גלויבען און ניט דורך איבערצייגונג? בן צבי, בין איך זיכער, מיינט דאָך ניט צו זאָגען, אַז ער איז דער איינציגער וואָס איז געקומען דורך לאָגיש דענקען צו דער איבערצייגונג אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט! און דאָך זעהן מיר ווי פֿילע מיליאָנען מענשען גלויבען אין גאָט, און גלויבען מיינט דאָך ניט זיין זיכער, עס מיינט ראָך זיין אין ספֿק!

בן צבי ענטפֿערט:

— איידער איך וועל ענטפֿערען בן שלמה׳ן אויף זיין פֿראַגע איז וויכטיג צו וויסען, אַז גלויבען „אין" גאָט און גלויבען אין „אַ" גאָט האָבען צוויי פֿאַרשידענע באַדייטונגען. גלויבען „אין" גאָט מיינט האָבען צוטרוי, בטחון אין איהם. דערפֿאַר זעהן מיר, אַז סיי די אידישע און סיי אַלע אַנדערע רעליגיעס לערנען דעם מענשען צו גלויבען אין גאָט דורך בטחון אַז ער וועט העלפֿען, און קאָן העלפֿען יעדען איינעם וואָס וועט בעטען הילפֿע ביי איהם. אויך לערענט די רעליגיע צו גלויבען, אַז גאָט קאָן באַווייזען נסים חוץ מדרך הטבע. זי, די רעליגיע, פֿאַרזיכערט אויך, אַז מיר קאָנען ערוואַרטען פֿון איהם נסים, ווען מיר ווען זיין גוט און פֿרום. אָט דאָס מיינט גלויבען „אין" גאָט.

— אָבער גלויבען אין „אַ" גאָט, וואָס עס מיינט גלויבען אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, דאָס לערענט אונז ניט קיין רעליגיע; אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט ווערט אָנגענומען אַלס אַ פֿאַקט, סיי ביים רעלי־גיעזען און סיי אַפֿילו ביי מאַנכע וואָס זיינען ניט רעליגיעז, און גלויבען ניט אַז גאָט באַווייזט נסים חוץ מדרך הטבע, און דאָך גלויבען זיי אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט. אמת, אין דער תּורה ווערט אַ סך מאָל דערמאָנט, אַז אידען מוזען גלויבען אין גאָט „יהוה" און ניט אין קיין אַנדערע געטער, ווייל די פֿרעמדע געטער זיינען

פֿאַלשע און אונמעכטיג, אָבער דער אידישער גאָט, דער „אלהי ישראל״, איז מעכטיג און קאָן באַווייזען נסים ונפֿלאות. ווייטער געפֿינען מיר אין דער תּורה געבאָטען ווי „ליב דיין גאָט״, „פֿאַר גאָט זאָלסטו מורא האָבען״, „האָב בטחון אין גאָט״, אָבער עס איז ניטאָ קיין געבאָט צו גלויבען אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, ווייל אַז עס איז דאָ אַ גאָט נעמט יעדער רעליגיעזער מענש אָן פֿאַר אַ פֿאַקט. דער פֿאַקט, וואָס די תּורה פֿאַנגט זיך אָן מיט „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ״ (אין אָנהויב האָט באַשאַפֿען גאָט דעם הימעל און די ערד), באַווייזט ווי איבערצייגט די תּורה איז אין אַ גאָט׳ס עקזיסטענץ און האָט אַפֿילו ניט געפֿונען פֿאַר נויטיג צו מאַכען אַ געבאָט אַז מענשען זאָלען גלויבען אַז ער עקזיסטירט. דערפֿאַר איז ביים רעליגיעזען מענשען גלויבען אין אַ גאָט ניט קיין ספֿק, ווייל דער, וואָס איז אין ספֿק, איז קיין גלויביגער נישט מעהר.

— דער פֿאָלגענדער ביישפּיל וועט ערקלערען דייטליכער. ווען מען וואָלט פֿרעגען אַ גרופּע מענשען באַזיצענדיג אַ דורכשניטליכע בילדונג, „ווער איז דער גרעסטער מאַטעמאַטיקער אין איצטיגען דור?״ בין איך זיכער, אַז כּמעט אַלע פֿון זיי וואָלטען געענטפֿערט: „פּראָפֿעסאָר איינשטיין״. מען זאָגט, עס געפֿינען זיך אויף גאָר דער וועלט בלויז צוועלף געלערענטע וואָס פֿאַרשטעהן איינשטיינ׳ס טעאָריע. לאָמיר אָבער זאָגען, אַז עס איז אַביסעל איבערטריבען, און אַז מען קאָן אפֿשר געפֿינען צוועלף מאָל צוועלף וואָס פֿאַרשטעהן זיין לעהרע. אָבער מיליאָנען פֿאַרשטעהן דאָך זיין לעהרע אוודאי ניט! פֿונדעסטוועגען וועלען זיי ענטפֿערען, אַז פּראָפֿ. איינשטיין איז דער גרעסטער מאַטעמאַטיקער. פֿרעגט זיך: זיינען אָט די אַלע מענשען איבערצייגט אין זיין גרויסקייט, אָדער גלויבען זיי נאָר? אַלזאָ, אויב זיי גלויבען נאָר, זיינען זיי דאָך אין ספֿק. לויט בן שלמה׳ס שטאַנדפּונקט, ווייל ביי איהם גלויבען מיינט זיין אין ספֿק.

דער אמת איז, אַז זיי גלויבען טאַקע אין זיין גרויסקייט, דאָך זיינען זיי ניט אין ספק. דער גלויבען קומט צו זיי דורך דעם, וואָס זיי לעזען צייטונגען און זשורנאַלען, און הערען פֿון וויסענשאַפֿטס מענשען וואָס פֿאַרשטעהן יאָ פּראָפֿ. איינשטיינ׳ס לעהרע. זיי, די מיליאָנען לעזער און צוהערער פֿון דורכשניטליכער בילדונג, נעמען אָן אַלעס פֿאַר אַ פֿאַקט די מיינונג פֿון אָט די געלערענטע. דער אונטערשיד צווישען דער וויסענשאַפֿטליכער וועלט און דאָס פֿאָלק איז, ווערענד די געלערענטע זיינען איבערצייגט אַז פּראָפֿ. איינשטיין איז איינער פֿון די גרעסטע מאַטעמאַטיקער פֿון אונזער דור, ווייל זיי פֿאַרשטעהן יאָ זיין לעהרע, ווייס אָבער דאָס פֿאָלק גאָר־ניט אָדער זעהר ווייניג פֿון דעם, נאָר זיי האָבען צוטרוי צו די אַלע געלערענטע און נעמען אָן פֿאַר אַ פֿאַקט זייער ערקלערונג. מיט אַנדערע ווערטער: זיי „גלויבען” טאַקע אין פּראָפֿ. איינשטיינ׳ס גרויסקייט און דאָך אָהן ספֿקות.

— אזוי איז אויך מיט דער איבערצייגונג, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט. אַ קליינע צאָל דענקענדע מענשען זיינען געווען און זיינען פֿאַראַן אין יעדען דור וואָס זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג דורך לאָגיש דענקען, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט; און דאָס פֿאָלק האָט אָנגענומען פֿאַר אַ פֿאַקט די ערקלערונג פֿון אָט די דענקענדע מענשען פֿון זייער צייט אַפֿילו דאַן, ווען דאָס פֿאָלק האָט ניט באַנומען קלאָר זייערע לעהרעס, אַזוי ווי זיי פֿאַרשטעהן ניט פּראָפֿ. איינשטיינ׳ס טעאָריע, און דאָך גלויבען זיי וואָס די געלערענטע דענקען פֿון איהם, און דערפֿאַר צווייפֿלען זיי ניט אין זיין גרויס־קייט.

— עס איז ריכטיג, ווי בן שלמה האָט ערקלערט, ווי אַזוי מענ־שען האָבען אָנגעפֿאַנגען צו גלויבען אין אַ גאָט. „צום ערשטען, ווען דער האַלב־ווילדער מענש, ניט וויסענדיג ווי אַזוי צו ערקלערען

די נאַטור ערשיינונגען, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז אַט די ערשיינונג מוז זיין אַ גאָט". אָבער מיר דאַרפֿן פֿאַרשטעהן, אַז ניט יעדער האַלב-ווילדער פֿון יענער צייט, ווען דורך אַ דונער איז זיין פֿרוי אָדער זיין קינד געטויטעט געוואָרען, האָט ער זיך גע-שטעלט די פֿראַגע: „וואָרום האָט עס פּאַסירט? ווער האָט עס פֿאַראורזאַכט? און געזוכט אַן ענטפֿער.

— די, וואָס האָבען יאָ געפֿרעגט און אויך געענטפֿערט, זיינען געווען די דענקענדע פֿון זייער דור; און כאָטש זיי זיינען געקומען צו טעות'דיגע שליסע, איז עס געווען דערפֿאַר ווייל זיי זיינען געווען ניט ערפֿאַרען און האָבען אָנגענומען די נאַטור ערשיינונגען פֿאַר געטער. אָבער וואָס מעהר דער מענש האָט אָנגעהויבען צו ווייסען און פֿאַרשטעהן די נאַטור געזעצען, אַלס אַ הכרען באַגריף האָט ער געקראָגען ווענגען באַשעפֿער — ניט דורך בלינדן גלויבען, נאָר דורך לאָגיש דענקען. פֿילע פֿון אונז האָבען געהערט פֿון דער לעגענדע ווי אברהם אבינו איז געקומען צו דער איבערצייגונג ווענגען אַן איין און איינציגען גאָט. זיין איבערצייגונג איז אים גע-קומען ניט פֿון גלויבען בלינד, נאָר דורך לאָגיש דענקען.

— לאָמיר אָפּפֿרישען אונזער זכרון און איבערגעבען די לע-גענדע. ווען פֿאָטער אברהם האָט גענומען פֿאַרשטעהן ווי פֿאַלש און לעכערליך עס איז צו גלויבען, אַז זיין פֿאָטער'ס געטשקעס זיינען די באַשעפֿער און פֿיהרער פֿון דער וועלט, האָט ער נאַטירליך און לאָגישער ווייזע געמוזט שטעלען די פֿראַגע: „טאָ ווער זשע האָט די וועלט באַשאַפֿען?" דער ענטפֿער, וועלכער איז געווען אַ לאָגישער און פֿאַרנינפֿטיגער פֿאַר זיין צייט, איז געווען, אַז די „זון" איז דער באַשעפֿער און פֿיהרער פֿון דער וועלט. פֿאַרוואָס עפּעס די זון? דער ענטפֿער איז געווען, ווייל די זון ברענגט לעבען, בליהונג און אויפֿלעב אין דער גאַנצער נאַטור. צו דעם באַשלוס,

דאַרפֿען מיר ניט פֿאַרגעסען, זיינען געקומען פֿילע דענקענדע פֿון די גרוי־אַלטע צייטען, וואָס האָבען זיך פֿאַרטראַכט וועגען וועלט באַשאַף און נאַטור ערשיינונגען. דער לאָגישער שלוס איז דארום געווען, אַז די זון איז דער באַשאַפֿער און רעגירער, די זון איז גאָט.

— די זון איז אָבער ניט געווען דער איינציגער מעכטיגער הערשענדער עלעמענט אין דער נאַטור; עס זיינען פֿאַראַן אויך נאַטור כּוחות וואָס צייטענווייז זיינען זיי גובר די זון, ווי למשל, די וואָלקענס. אברהם אבינו האָט געזעהן ווי גאָר פּלוצלונג ווערט די ליכט־ און וואַרימקייט־געבענדע זון פֿאַרדעקט פֿון אַ מעכטיגען פֿינסטערען וואָלקען. „אוים זון". איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דער וואָלקען איז גאָר דער גאָט, ווייל „וואָס פֿאַר אַ גאָט איז עס די זון וואָס לאָזט זיך פֿאַרדעקען פֿון אַ פֿינסטערען וואָלקען?" האָט אברהם אבינו געטראַכט, און ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז מסתּמא איז דער וואָלקען מעכטיגער פֿון דער זון — פֿאָלגליך איז דער וואָלקען דער גאָט. דונערן, בליצען, שטורם און אַנדערע מעכטיגע נאַטור כּוחות האָבען מיט זייער מאַכט אָפּט צושפּילט זייערע „וואונדער". איז אברהם אבינו שליסליך געקומען צום גע־דאַנק, אַז ניט די זון, ניט די וואָלקענס, ניט דונער און בליץ, און אויך ניט קיין אַנדערע נאַטור־ערשיינונגען זיינען די געטער. כאָטש זיי באַוועגען זיך סיסטעמאַטיש, דאָך האָבען זיי ניט קיין באַוואוסט־זיין און פֿרייען ווילען, נאָר זיי טוען דעם ווילען פֿון אַ העכערער קראַפֿט, וואָס דאָס אויג קאָן עס ניט זעהן, און אָט די העכערע קראַפֿט, דער „אין לו גוף", איז דער אמת'ער באַשעפֿער און פֿירער פֿון דער וועלט.

— יעצט קענען מיר לערנען פֿון דער לעגענדע זעהר פֿיל; מיר מוזען אָבער ניט אָננעהמען, אַז דער פּראָצעס וועגען די באַגריפֿע פֿון אַ גייסטיגען גאָט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען און געענדיגט מיט איין

מענשען, אברהם אבינו. ניין! דער פּראָצעס האָט זיך פילייכט געצויגען פאַר דורות, און דורות ענטוויקלען זיך אַלעמאָל העכער און העכער, פון שטופּע צו שטופּע, ביז צום העכסטען באַגריף ווענען איין איינציגען גאָט, אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז צו יעדער העכערער גייסטיגער מדרגה, וואָס דער דענקענדער מענש האָט דערגרייכט, אַלץ העכער איז געוואָרען זיין באַגריף וועגען גאָט. און אָט דער באַגריף איז אַ רעזולטאַט פון לאָגיש דענקען. און אָט איז נאָך אַ ביישפּיל.

— דוד המלך, ווייסען מיר, איז געווען טיעף רעליגיעז. פון זיינע שריפטען, דער „תהלים", קאָן מען זעהן ווי שטאַרק זיין בטחון איז געווען „אין" גאָט. ער האָט געגלויבט, אַז די נסים וואָס גאָט האָט באַוויזען צום פאָלק ישראל זיינען געווען דערפאַר, ווייל די בני ישראל האָט ער אויסערוועהלט אַלס זיין פאָלק. כאָטש דוד המלך האָט געגלויבט באמונה שלימה אין די נסים פון יציאת מצרים, קריעת ים סוף, וכדומה, איז דאָס אָבער ניט געווען קיין גלויבען וואָס איז געקומען צו איהם דורך לאָגיש דענקען, נאָר דורך צוטרוי. אָבער ווען ער האָט אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג אין דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט, דאָס מיינט, אַז עס איז פאַראַן אַ באַשעפער און פיהרער, האָט ער דאָס אויסגעדריקט ניט דורך גלויבען בלינד, נאָר דורך אַ לאָגישען געדאַנק.

— זאָגט דוד המלך אין דעם אונשטערבליכען תהלים, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, ווי פאָלגט: „מפּי עוללים ויונקים יסדת עוז". דער געדאַנק דערפון איז, ווער קאָן דען צווייפלען אין דיין עקזיסטענץ? ווען מען זעהט ווי קינדערלעך פאַנגען אָן רעדען, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג אַז עס איז פאַראַן „אַ" גאָט, ווייל דער שכל איז מחייב אַז די בלינדע נאַטור קאָן אַזאַ וואונדער ניט באַווייזען באַוואוסטזיניק. ווייטער זאָגט דוד המלך: „שמים מספּרים כבוד

אל״. דער געדאַנק פֿון דעם איז, אַז ווען מיר זעהן ווי די הימל׳שע קערפּערס באַוועגען זיך אין פֿאָלשטענדיגער האַרמאָני און אין אָרדענונג, מוזען מיר באַוואונדערען און זאָגען „מה רבו מעשיך ה׳״, ווי גרויס דיינע ווערק זיינען, אָה גאָט! „כלם בחכמה עשית״, אַלץ האָסטו מיט קלוגשאַפֿט באַשאַפֿען.

— פֿון די געבראַכטע ציטאַטען איז צו זעהן, אַז עס איז טאַקע אַ זעהר גרויסער אונטערשיד צווישען גלויבען „אין״ גאָט און גלויבען אין „אַ„ גאָט. דאָס ערשטע קומט פֿון גלויבען בלינד, דאָס צווייטע איז אַ רעזולטאַט פֿון לאָגיש דענקען. פֿון דעם איז פֿאַר־שטענדליך פֿאַרוואָס גלויבען אין נסים מיינט גלויבען בלינד, ווייל אַזאַ גלויבען איז ניט לויט׳ן שכל הישר. ווען דער מענש לעבט ניט לויט די געזעצען פֿון דער נאַטור, וועלכע גאָט האָט באַשאַפֿען, וועט איהם קיין בטחון גאָר ניט העלפֿען זי אויסדרעהען פֿון דער שטראָף וואָס איהם ערוואַרטעט פֿאַר ניט פֿאָלגען גאָט׳ס געזעצען און ניט לעבען נאַטירליך.

— ווען אַ מענש שיכורט זיך אָן, וועט ער בשום אופֿן ניט קאָנען שטעהן אויף זיינע פֿיס, קיין בטחון און קיינע תּפֿילות וועלען איהם ניט העלפֿען; קיינע נסים וועלען מיט איהם ניט געשעהן, מעג ער זיין דער גרעסטער צדיק; ווען ער וועט מאַכען אַ פֿאַרזוך צו געהן וועט ער אַנידערפֿאַלען, און קיינע זכות אבות וועלען איהם ניט העלפֿען... אויסגעהענדיג פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז אונבאַגרייפֿ־ליך צו דענקען, אַז דער באַשעפֿער פֿון דער וועלט זאָל פֿאַרניכטען איין פֿאָלק צוליב אַ צווייטען, ווי דאָס גלויבען שטרענג רעליגיעזע אידען, אַז גאָט האָט אויסגעמידען אַלע אידישע הייזער און האָט געטויט אַלע בכורים פֿון די מצרים. עס איז דאָך מעהר פֿאַרשטענד־ליך, אַז אָט די „וחמישים עלו ממצרים״ (באַוואָפֿענטע זיינען זיי (די אידען) אַרויס פֿון מצרים). און אָט די באַוואָפֿענטע קעמפֿער

האָבען געקעמפּט פאַר דער באַפרייאונג פון אידישען פאָלק מיט משה רבינו אַלס זייער פיהרער, און האָבען אויסגעמידען די אידישע הייזער דורך דעם בלוט-סימן פון קרבן-פּסח, וואָס איז געווען אויף יעדענס אידישע טהיר, און האָבען געטויט די מצרים, וואָס זיינען געווען זייערע אונטערדריקער, — דאָס איז מעהר פאַרשטענדליך. אָבער, ווי געזאָגט, גלויבען איז גלויבען.

— אויך דער נס פון קריעת ים סוף קאָן ניט ערקלערט ווערען על פּי שכל, נאָר דורך אמונה, ווייל לויט'ן שכל מוז דאָך פאַרשטאַנען ווערען, אַז די נאַטור געזעצען אַרבייטען פאָלקאָמען, ווייל זיי זיינען דער רעזולטאַט פון גאָט'ס ווילען. ווען אַ מענש ערפינדעט אַ מאַשין, מעג די מאַשין זיין ווי פאָלקאָמען, זעהט ער שפּעטער איין, אַז עס איז נאָך פאַראַן פּלאַץ פאַר אויסבעסערונג, אָבער ביי גאָט איז „לא ימיר דתו", אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפען איז די פאָלקאָמענהייט אַליין, ער וועט די נאַטור געזעצען ניט ענדערען און ניט איבעראַרבייטען, און זיי אַרבייטען לויט זיין פאָראויסגערעכענטען פּלאַן. ווייסען מיר, אַז איינע פון גאָט'ס פעסטע נאַטור געזעצען איז, אַז וואַסער קאָן ניט זיין אויף איינעם און דעם זעלבען פּלאַץ אין איין זייט העכער און נידעריגער אויף דער צווייטער זייט און זיך ניט אַרונטער גיסען.

—טאָ ווי אַזוי, פרעגט זיך, איז מעגליך געווען, אַז דער ים סוף זאָל זיך צוטהיילען אויף צוויי ווענט און די אידען זאָלען דורכגעהן אין מיטען? דאָס מיינט דאָך, אַז די נאַטור געזעצען, וואָס גאָט האָט באַשאַפען, אַרבייטען ניט ריכטיג; איז, ווי עס זעהט אויס, קאָנען נסים ניט ערקלערט ווערען נאָך דעם שכל הישר, נאָר דורך גלויבען. לכן לערענט און פאָדערט די רעליגיע צו גלויבען, אַז נסים קאָנען פּאַסירען צו די וואָס גלויבען און האָבען בטחון „אין" גאָט. אָבער ניט אַזוי איז עס מיט דעם גלויבען אין „אַ" גאָט, אין דער

עקזיסטענץ פֿון אַ גאָט. די איבערצייגונג אין דער עקזיסטענץ פֿון אַ גאָט איז אַ רעזולטאַט פֿון לאָגיש דענקען, פֿון די גאָר גרויסע דענקער פֿון יעדען דור, וואָס האָבען זיך אינטערעסירט מיט דער פֿראַגע און נאָכהער געלערענט דאָס פֿאָלק, און דאָס פֿאָלק האָט עס אָנגענומען פֿאַר אַ פֿאַקט. דערפֿאַר איז דאָס גלויבען אין „אַ" גאָט ניט קיין ספֿק גלויבען, פּונקט ווי עס איז ניט קיין ספֿק ווען דאָס פֿאָלק גלויבט אַז פּראָפּ. איינשטיין איז דער גרעסטער מאַטע־מאַטיקער. ווי געזאָגט, גלויבען אין גאָט מיינט, אַז גאָט וועט באַווייזען עפּעס וואָס איז „חוץ מדרך הטבע", כאָטש עס איז אָנגעשריבען „לא ימיר דתו". דערפֿאַר איז אַזאַ סאָרט גלויבען אַ רעלי־גיעזער גלויבען. אמת, דער רעליגיעזער מענש גלויבט באמונה שלימה אַז נסים האָבען פּאַסירט, און וועלען נאָך פּאַסירען, זאָגאַר ווען עס איז אַפֿילו געגען שכל הישר.

XI

בן שלמה'ס טענה:

— איך וויל פֿרעגען בן צבי די פֿאָלגענדע פֿראַגע: ער באַהויפּ־טעט, אַז די רעליגיע לערענט דעם מענשען צו האָבען בטחון אין גאָט, אַז ער וועט העלפֿען אַפֿילו דורך נסים וועלכע, ווי די תורה שרייבט, האָבען טאַקע פּאַסירט. בן צבי אָבער זאָגט, אַז נסים זיינען געגען שכל הישר. מיינט דאָך עס, אַז רעליגיע פֿאַרפֿינסטערט די מוחות פֿון דער מענשהייט. פֿרעג איך, איז ער פֿאַר דעם אַז רעליגיע זאָל באַקעמפֿט ווערען?

בן צבי'ס ענטפֿער:

ליבע צוהערער! איידער איך וועל ענטפֿערען בן שלמה'ן, וועלען מיר צוערשט זעהן, וואָס איז די הויפּט לעהרע אין רעליגיע. וויסען דאַרפֿען מיר, אַז פֿילע זאַכען זיינען צוגעשריבען געוואָרען צו דער רעליגיע וואָס זיינען גאָר אין סאַמע תמצית דערווידער די אמונה,

און די אמונה באַקעמפֿט זיי, ווי למשל, דאָס גלויבען אין רוחות, שדים, מכשפֿות, וכדומה. צווייטענס, וואָס זיינען די טענות פֿון די געגנער פֿון רעליגיאָן; און דריטענס, וואָס זיינען די מיטלען וואָס די געגנער באַנוצען צו באַקעמפֿען רעליגיע. איצט צו דער ערשטער פֿראַגע, נעמליך, וואָס איז די הויפּט לעהרע פֿון רעליגיע?

— ווייסען מיר, אַז די רעליגיע באַשטעהט פֿון צוויי הויפּט לעהרעס: איין טהייל לערענט דעם מענשען ווי אַזוי זיך צו באַציהען צו זיינע מיטמענשען. דאָס איז די לעהרע „בין אדם לחברו״. די צווייטע הויפּט לערע לערענט דעם מענשען, ווי אַזוי ער זאָל זיך, אָדער דאַרף זיך, באַציהען צו גאָט. דאָס איז „בין אדם למקום״. ווייסען מיר אויך, אַז אין דער לעהרע וועגען „אָדם לחברו״ איז קיין גרויסער אונטערשיד ניט פֿאַראַן צווישען די אַלע רעליגיעס פֿון דער וועלט, ווייל אַלע רעליגיעס לערנען דעם מענשען ניט צו גנב׳ענען, ניט צו גזלנ׳ען, ניט צו געבען אַ פֿאַלשע וואָג, אויך העלפֿען דעם אָרעמאַן, און דאָס גלייכען. וואָלט רעליגיע באַשטאַנען בלויז פֿון דער איינציגער לעהרע „בין אדם לחברו״, וואָלט מעהר ווי איין רעליגיע אויף דער וועלט ניט עקזיסטירט. דער הויפּט אונטערשיד, און דערפֿאַר טאַקע די הויפּט צרה, ליגט אין דעם צווייטען טהייל, אין דעם „בין אדם למקום״. אין אַנדערע ווערטער, מיינט דאָס, אין דעם אונטערשיד אין די דאָגמעס ווי צו דינען גאָט. יעדע רעליגיע איז ביי זיך זיכער, אַז נאָר זי האָט דעם אמת׳ן וועג ווי אַזוי צו דינען גאָט... יעצט וועלען מיר הערען וואָס די געגענער פֿון רעליגיאָן האָבען צו זאָגען. ווי מיר איז באַקאַנט, האָבען זיי צוויי הויפּט טענות צו דער רעליגיע:

— די ערשטע טענה איז, אַזוי ווי אין נאָמען פֿון רעליגיע זיינען מיליאָנען מענשען אומגעקומען, און אין די פֿילע מלחמות וואָס זיינען געפֿיהרט געוואָרען פֿון פֿעלקער און לענדער זיינען מיליאָנען

מענשען אויסגעשאָכטען געוואָרען אין נאָמען פֿון רעליגיע, און אַזוי ווי מענשען האַסען און מאָרדען איינער דעם צווייטען אויך צוליב דער זעלבער אורזאַכע, דערפֿאַר מוז רעליגיע אָפּגעשאַפֿט ווערען. דאַן וועט אויך אויפֿהערען דער האַס פֿון איין מענש צום צווייטען און פֿון איין נאַציאָן צו אַן אַנדערער. די צווייטע טענה איז, אַז רעליגיע איז דער אָפּיאום פֿאַר'ן פֿאָלק. די אורזאַכע, וואָס זיי גיבען אָן ווי פֿאָלגט, האָב איך געלעזען אין אַ בוך ווי אַ יונגערמאַן רעדט צו אַן אַלטען רוסישען פּויער די פֿאָלגענדע רייד:

— „ זעה, דו ביזט שוין אַלט, און דו און אַלע פּויערים פֿון דאָרף אַרבייטען זעהר שווער אין גאַנצען זייער לעבן; און וואָס האָט איהר אַלע פֿון אייער פּראַצע און האָרעוואַניע? גאָרניט! אָבער דער גלח פֿון דאָרף האָט גרויסע שטרעקעס לאַנד, שטאַרקע פֿערד, פֿעטע בהמות, אַ גרויסען שייער פֿול מיט תבואה, אַ שעהנע הויז; ער האָט אַפֿילו צוויי בייזע הינט, וואָס ווילען באַפֿאַלען יעדען איינעם וואָס וועט מאַכען אַ פֿאַרזוך עפּעס צונעמען פֿון איהם. און ווען ער, דער גלח, קומט אין קלויסטער, פּרעדיגט ער פֿאַר אייך, אַז איהר מוזט צופֿרידען זיין מיט אייער טרויעריגער לאַגע, ווייל עס איז גאָט'ס ווילען אַז מאַנכע זאָלען זיין רייך און מאַנכע אָרים".

„איצט שטעלט אייך פֿאָר", רעדט ווייטער דער יונגערמאַן, „ווען עס וואָלט קיין רעליגיע ניט געווען, דאַן וואָלטען אַזעלכע שווינד־לער ווי דער גלח אויך אויף דער וועלט ניט געווען, און וואָלט אייך ניט געגעבען די פֿאַלשע תירוצים אַז עס איז גאָט'ס ווילען, אַז איינער זאָל האָבען פֿון אַל־דאָס גוטס און פֿילע זאָלען לעבען אַ הונגער־לעבען. מיר וואָלטען געטיילט צווישען זיך אַלץ וואָס מיר אַלע פּראָדוצירען, און יעדער וואָלט געהאַט פֿון אַלץ וואָס ער באַ־נויטיגט. נאָר, ווי געזאָגט, די רעליגיע איז אַן אָפּיאום פֿאַר'ן פֿאָלק. דערפֿאַר מוז מען די רעליגיע פֿאַרניכטען".

— איצט ווען מיר ווייסען שוין די הויפּט טענות פֿון די געגנער פֿון רעליגיע, זעהן מיר אָבער, אַז די מעטאָדען, ווי אַזוי צו באַקעמפֿען רעליגיע, זיינען שטאַרק צוטיילט אין צוויי גרופּען: איין גרופּע איז די דעמאָקראַטישע — זי דענקט, אַז דער וועג ווי אַזוי צו באַקעמפֿען רעליגיע איז דורך אויפֿקלערונג. די צווייטע גרופּע איז די דיקטאַטאָרישע — זי זאָגט, אַז דער בעסטער און שנעלסטער וועג איז צו אונטערדריקען די רעליגיע דורך גוואַלד עד חרמה.

— אָבער איידער מיר וועלען אַרומרעדען וועגען ביידענס מעטאָדען ווי צו באַקעמפֿען רעליגיע, וועל איך פּרובירען באַווייזען ווי אונלאָגיש און ניט גערעכט עס זיינען די טענות פֿון די רעליגיאָנס געגנער. מיר וועלען נעמען די ערשטע טענה, אָדער די אורזאַכע וואָס זיי גיבען אָן, נעמליך, „אַז אין נאָמען פֿון רעליגיע האָט מען ערקלערט מלחמות און מיליאָנען מענשען זיינען אומגעקומען צוליב דעם האַס וואָס די פֿאַרשידענע רעליגיעס האָבען פֿאַראורזאַכט".

— ליבע צוהערער: מיר ווייסען, אַז פּולווער איז זעהר נוצליך פֿאַר דער ציוויליזאַציע. מיט פּולווער רייסט מען אויף שטיינערנע באָדענס, דאָס גיט אַ מעגליכקייט צו בויען אויף זיי הייזער; מען באַנוצט אויך פּולווער אויפֿצורייסען פֿעלזענס כדי צו האָבען די מעגליכקייט דורכצופֿירען אייזענבאַן וועגען וכדומה. דאַמף-שיפֿען זיינען דאָך אויך זעהר נוצליך, עס איז באַקוועמער און אויך זיכערער צו פֿאָהרען אויף זיי איבער די שטורעמדיגע ימים און אָקעאַנען. לופֿט-שיפֿען זיינען געווים אַ נוצליכע ערפֿינדונג, עס איז פּשוט אונמעגליך אויסצורעכענען וויפֿיל נוצען די מענשהייט האָט אַריינגעקראָגען און וועט נאָך האָבען פֿון לופֿט-שיפֿען. פֿרעגט זיך: אויב מען נוצט אוים דעם פּולווער אויסצושיסען אַזויפֿיל מענשען אין מלחמה צייט, און אַז דורך דער ערפֿינדונג פֿון דאַמף-

שיפֿען, וואָס איז געווים אַ ברכה פֿאַר דער מענשהייט, האָט מען גאַר אויסגעבויט קריגשיפֿען צו פֿאַרניכטען אַזויפֿיל לעבענס, און פֿון די לופֿטשיפֿען, וועלכע זיינען די גרעסטע ערפֿינדונג פֿון אונזער צייט, האָט מען גאַר איבערגעקערט צו אַ קללה פֿאַר דער מענשהייט, ווייל פֿון זיי ווארפֿט מען ארונטער באָמבעס וועלכע פֿארטיליגען און פֿארברענען אונשולדיגע קינדערלעך, פֿרויען, מענער און אַלטע לייט, — ערשיינט דאָך אויך די זעלבע פֿראַגע: דארף מען דערפֿאַר דעם פולווער, די שיפֿען און לופֿטשיפֿען פֿאַרניכטען? און פֿאַרניכטען נאָר דערפֿאַר ווייל עס געפֿינען זיך ווילדע חיות אין מענשליכען געשטאַלט וואָס נוצען אוים אָט די אַלע וואונדערבאַרע ערפֿינדונגען צו ערקלערען קריג און אויסשלאַכטען מיליאָנען יונגע מענשען צוליב זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן? און לאָמיר זאָגען, אז מען זאָל אָט די אַלע נוצליכע ערפֿינדונגען טאַקע פֿאַרניכטען, וועלען שוין דען פֿעלקער לעבען בשלום? דאַכט זיך, עס איז לעכערליך אַזוי צו דענקען!... פֿעלקער האַלטען מלחמות, מאָרדען און פֿאַרניכטען איינער דעם אַנדערען ניט דערפֿאַר ווייל עס איז פֿאַראַן פולווער, קריגשיפֿען און לופֿטשיפֿען; ניין! דער פֿאַרברעכען ווערט באַגאַנגען ווייל מאַנכע נוצען אוים די אונוויסענהייט פֿון די מאַסען צו ערקלערען מלחמה געגען אַן אַנדער פֿאָלק אָדער פֿעלקער, צוליב די אינטערעסען פֿון אַ קליינער קליקע, און דיזע זאָגענאַנטע מאָרדגרופע געברויכט אָט דיזע אַלע ערפֿינדונגען וואָס מעהר לעבענס צו פטר׳ן. עס איז דאָך אַ באַוואוסטער פֿאַקט, אז איידער אָט די אַלע ערפֿינדונגען, וועלכע ווערען באַנוצט אַלם מאָרד אינסטרומענטען, זיינען דאָך אויך געווען מלחמות; נאָר אַנשטאָט ביקסען, קאַנאָנען און לופֿטשיפֿען האָט מען ערמאָרדעט איינער דעם אַנדערען מיט שטיינער, שטעקענס און שפעטער מיט געשלייפֿטע שטיק אייזען.

— אַט דעם ביישפּיל האָב איך געגעבען צו די וואָס זאָגען אַז רעליגיע איז שולדיג, ווייל אין איהר נאָמען שעכטען מענשען איינס דאָס אַנדערע. קיין רעליגיע פּריידיגט ניט, אַז מענשען זאָלען מאָר־דען מיטמענשען; און ווען מענשען פאַרניכטען יאָ איינער דעם צווייטען אין נאָמען פון אמונה, איז עס דערפאַר ווייל נידריגע ברואים און שאַרלאַטאַנעס נוצען אויס די רעליגיע און די אונווי־סענהייט פון המון פאַר זייערע אייגענע צוועקען. וואָלט קיין רע־ליגיע ניט עקזיסטירט, וואָלטען זיי געפינען אַנדערע תירוצים אויפ־צורייצען איין פאָלק געגען אַ צווייטען פאָלק. אַלס ביישפּיל וועלען מיר נעמען די ערשטע וועלט מלחמה. דאָן האָבען די יעניגע, וואָס אין זייערע אינטערעסען איז געווען אויפצובלאָזען אַ וועלט מלחמה, אָבער ניט געקאָנט אויפרייצען די פעלקער אין נאָמען פון גלויבען, ווי זיי האָבען עס געטאָן פילע מאָל פריער, ווייל עס האָבען זיך געשלאָגען גראַדע קריסטען מיט און געגען קריסטען, און זאָגאָר קריסטען וואָס געהערען צו איין קירך, ווי למשל, דאָס איטאַליע־נישע פאָלק געגען דעם עסטרייכישען פאָלק, וועלכע געהערען ביידע צו דער רוימיש־קאַטוילישער קירך. האָט מען געפונען פאַר־שידענע אַנדערע אורזאַכען צו רעכטפערטיגען די ימים בלוט פאַרגיסונג.

— ביי אונז דאָ אין די פאַראייניגטע שטאַטען האָט מען איינ־גערעדט דעם עולם, אַז מען מוז זיך שלאָגען, ערשטענס, צו פאַר־זיכערען דעמאָקראַטי פאַר דער וועלט, און צווייטענס, וועט עס זיין די לעצטע מלחמה. צוויי וויכטיגע אורזאַכען פאַר וועלכע עס האָט זיך געלוינט מקריב צו זיין דאָס לעבען פון מיליאָנען יונגע קינדער אויפ׳ן מזבח פאַר פרייהייט. האָבען מיר דערגרייכט אונ־זערע צילען? ניין! די אורזאַכע איז אַ גאַנץ פּראָסטע. דאָס פאָלק האָט מען טאַקע איינגערעדט, אַז מיר שלאָגען זיך צו פאַרזיכערען

פֿרייהייט פֿאַר דער וועלט, אָבער אין דער אמת'ן האָט מען פֿאַר־גאָסען בלוט פֿאַר מערק און קאָלאָניעס, און אויך פֿאַרזיכערען די ביליאָנען דאָלערס פֿון מאַנכע באַנקירען וועלכע האָבען געליען צו די אַליאירטע נאַציאָנען אויף פֿעטע פּראָצענטען. און אונזער גרויסער און ליבעראַלער פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן איז אַוועק פֿון דער וועלט פֿאַר דער צייט פֿון ערגערניש ווען ער האָט זיך דערפֿילט אָפּגענאַרט.

— ווארום האָבען מיר זיך דאָ אין אַמעריקע צוגעאיילט און דורכגעפֿיהרט אַ נעייטראַליטעט געזעץ געגען דעם שפּאַנישען פֿאָלק און ניט ערלויבט צו שיקען וואָפֿען אַפֿילו פֿאַר מזומן אום זיי זאָלען זיך קענען פֿאַרטיידיגען געגען דעם דיקטאַטאָר פֿראַנקאָ מיט זיינע באַנדיטען? דאָרט אין שפּאַניע איז דאָך ערוועהלט געוואָרען אַ רעגירונג פֿון פֿאָלק אַזאַ ווי ביי אונז דאָ אין די פֿאַר־איינגטע שטאַטען אויף דעמאָקראַטישע יסודות, און דאָך האָט מען געהאָלפֿען פֿראַנקאָ דעם דיקטאַטאָר און רעאַקציאָנער צו פֿאַר־ניכטען די שפּאַנישע דעמאָקראַטי און פֿאַרשקלאַפֿען דאָס שפּאַ־נישע פֿאָלק! איז דאָס געווען אין די אינטערעסען פֿון אַמעריקאַנער פֿאָלק? געוויס ניט! נאָר עס איז געווען אין די אינטערעסען פֿון אַ קליינער קליקע רעאַקציאָנערען...

— יאַפּאַן איז באַפֿאַלען אַ פֿרידליך פֿאָלק כינאַ, און מאָרדעט דאָרט אוים אונשולדיגע פֿרויען, מענער און קינדער. פֿונדעסט־וועגען האָבען מיר, די פֿאַראייניגטע שטאַטען, געשיקט פֿאַרשי־דענע מאָרד־אינסטרומענטען קיין יאַפּאַן און מיט דעם מיטגע־האָלפֿען די יאַפּאַנעזער אין זייער שוידערליכע פֿאַרברעכענס. ווא־רום? עס איז זיכער ניט געווען אין די אינטערעסען פֿון דעם אַמע־ריקאַנער פֿאָלק העלפֿען יאַפּאַן אין איהרע באַרבאַרישע טהאַטען, אָבער עס איז יאָ געווען אין די אינטערעסען פֿון אַ קליינער גרופּע

גרויס־פינאנסירען צו מאכען א סך פראפיטען פון די געשעפטען מיט יאפאן, האבען זיי, און זייערע פארקויפטע דינער פון מאנכע צייטונגען, געפונען פארשידענע תירוצים, אז עס איז אין די אינטערעסען פון לאנד, און האבען רעכטפערטיגט אזעלכע האנדלונגען.

— ווי מיר זעהן, ווילען שוין די, וואס עס אין זייערע אינטערעסען אויפצובלאזען מלחמות, געפינען כל המינים פאלשע תירוצים, אדער אורזאכען, צו רעכטפערטיגען זייערע פארברעכעריש בלוטאקטען. יאפאן פארניכטעט אזויפיל לעבענס אין כינע ניט חלילה ווייל זי וויל בארויבען כינע פון איהרע גרויסע טעריטאריעס; ניין, חס וחלילה! נאר זי וויל פארהיטען כינע פון קאמוניזם! היטלער, ווידער, מארדעט אוים א וועלט ניט כדי א וועלט הערשער צו ווערען און אונטערדריקען פעלקער און לענדער כדי דאס דייטשע פאלק זאל לעבען און הוליען פון דער פראצע פון אנדערע פעלקער. ניין, ניין! נאר וואס דען? ער וויל נאר איינפירען א שעהנערע, א בעסערע און א מעהר גערעכטערע וועלט...

— יא, היטלער וויל איינפירען א גערעכטערע וועלט! אלע טייוואלים פון די שמוציגע זומפען האבען זיך באדארפט צונויפזאמלען און פלאצען פון געלעכטער פון אזעלכע פוילע תירוצים. די מענשהייט וואלט אויך געלאכט, ווען עס וואלט ניט געווען אזוי טראגיש וואס אזא ציוויליזירט פאלק ווי די דייטשען האבען זיך געלאזט פארפיהרען פון אזא לומפ ווי היטלער און זיין קליקע און ווערען א מערדער פאלק. דערפאר זאג איך, עס איז ניט דער ווילען פון רעליגיע, אז איין פאלק זאל פארניכטען אדער פארשקלאפען אנדערע פעלקער, און דערפאר אויך ניט איהר שולד וואס פעלקער ערקלערען מלחמות אין איהר נאמען. די שולד פון מלחמות קומט פון דער ארט און ווייזע ווי אזוי די איצטיגע

הערשער פֿון דער געזעלשאַפֿט האָבען איינגעאָרדענט די עקאָנאָ־מישע סיסטעמע. די צרה איז, וואָס אין יעדער נאַציאָן געפֿינט זיך אַ קליינע צאָל מענשען מיט אַ גרויס איינפֿלוס סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש, און אויב עס איז אין זייערע אינטעסערען אויפֿצו־בלאָזען אַ מלחמה, וועלען זיי געפֿינען פֿאַרשידענע תּירוצים, און די רעליגיע איז פֿילע מאָל געווען דער קרבן. זיי האָבען די רעליגיע אַרויסגעשטעלט אַלס אַ מאַסקע. אָבער אין דער אמת'ן איז עס געווען זייערע קליינליכע אינטרעסען אויפֿצוהאַלטן און האָבען די רעליגיע גענומען אַלס אַ שותּף צו זייערע אונמענשליכע צוועקען. וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן, איז ניט צו באַשולדיגען די רעליגיע, נאָר אויפֿקלערען דאָס פֿאָלק, ווער עס זיינען זיינע שונאים, וואָס צוליב אייגענע אינטערעסען וועלען זיי, אָט די קליק, זיך ניט אָפּ־שטעלען פֿאַר קיין זאַך און וועלען אַרויסרופֿען מלחמות כּלומרשט אין נאָמען פֿון רעליגיע, אָדער וועלען געבען אַנדערע פֿאַלשע תּירוצים צו פֿאַרבלענדען דעם פֿאָלקס געדאַנקען. רעליגיע ברייננגט ניט קיין מלחמות, קיין האַס, קיין שנאה. אַזוי ווי עס איז ניט די שולד פֿון פּולווער און לופֿטשיפֿען, וואָס אונמענשען מיט מער־דערשע הערצער נוצען עס אויס צו פֿאַרניכטען מיליאָנען לעבענס, אַזוי נוצען זיי אויך אויס די אמונה.

— יעצט וועלען מיר זיך נעמען צו דער צווייטער טענה, נעמליך: אַז רעליגיע איז אַן אָפּיאום פֿאַר דאָס פֿאָלק. „ווען ניט די רעליגיע", זאָגן זיי, „וואָלט ניט געווען ווער עס זאָל באַרעכטיגען די אַלע עוולות וואָס די רייכע באַגעהן געגען אָרימען פֿאָלק מיט דעם וואָס זיי נעמען אַוועק דעם גרעסטן חלק פֿון דער פּראָדוקציע וואָס די אַרבייטער שאַפֿען. דאָס בעסטע וואָס זיי טוען, איז צו צו־וואַרפֿען אַ קליינעם טייל פֿון וועלכען דער אַרבייטער קאָן קוים עקזיסטירען. דאַך געפֿינען זיך פֿאַרשטעהער פֿון רעליגיע וועלכע

זאָגען: עס איז מסתמא גאָט'ס ווילען, אַז איינער זאָל זיין רייך און מאַנכע אָרים. און ווייל רעליגיע באַרעכטיגט אַזעלכע אונ-רעכטען, דערפאַר מוז מען זי באַקעמפען עד חרמה". וויל איך פרעגען אָט דיזע געגנער: מיר ווייסען, אַז עס איז געווען אַ צייט און עס איז נאָך ביז היינטיגען טאָג פאַראַן געגענדען אויף אונזער ערד-קוגעל וואו עס עקזיסטירט ניט קיין רעליגיע. האָבען דען מענשען געלעבט גליקליכער? האָט דען גנבה און גזלה ניט עק-זיסטירט? דער פאַקט וואָס די רעליגיע האָט געבראַכט דער מענש-הייט געבאָטען אין נאָמען פון גאָט, ניט גנב'ענען, ניט גזל'ענען וכדומה, באַווייזט אַז אַזעלכע פאַרברעכענס האָבען יאָ עקזיסטירט. רעליגיע האָט תמיד געפּריידיקט אין נאָמען פון גאָט, אַז מענשען זאָלען העלפען איינער דעם צווייטען. די אמונה האָט גענומען די אָרימע אונטער איהר שוץ.

— האָט דען דער נביא ניט געשטראָפט די רייכע און זאַטע, מוסר'נדיג זיי אין גאָט'ס נאָמען, אַז ער, גאָט, וויל ניט זייערע קרבנות, און דאַרף זיי ניט אין טעמפעל, כל זמן זיי באַרויבען דעם אָרעמאַן און באַעולה'ן דעם יתום און העלפען ניט דער אלמנה. ניט נאָר האָבען די נביאים אין נאָמען פון גאָט געפּריידיגט גע-רעכטיגקייט צו מענשען פון אייגענעם גלויבען, נאָר זיי זיינען אויך געווען געגען געברויכען גוואַלד און ברוטאַליטעט געגען מענשען פון אַנדערע אמונות אויך, ווי, די נביאים, האָבען זיך אויסגעדריקט. „זאָל יעדעס פאָלק געהן מיט זיין גאָט און מיר וועלען געהן מיט אונזער גאָט". זיי האָבען אויך געהאָפט, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען די מענשהייט וועט דערגרייכען, אַ דאַנק דער מאָראַלישער לערע פון דער אמונה, צו אַזאַ שטופע אַז זיי וועלען צוברעכען זייערע מלחמה כלי זין, און אַנשטאַט צו געברויכען די וואַפען צו מאָרדען זייערע מיטמענשען, וועלען זיי עס איבערמאַכען אויף

אַקער־אײַזענס, און עס וועט הערשען אַן אייביגער פֿרידען אויף דער וועלט.

— אמת, מען מוז צוגעבען, אַז אין רעליגיע איז יאָ פֿאַראַן אַ ביסעל אָפּיאום. איך בין אָבער זיכער, אַז אין יעדער גרויסער באַוועגונג געפֿינט זיך אַביסעל אַנעסטעטיק פֿאַר׳ן פֿאָלק, אָבער מיר ווייסען אויך אַז אָפּיאום איז ניט אימער שעדליך. מסוכן איז עס נאָר דאַן ווען אַ רויבער צווינגט זיין קרבן עס איינצונעמען כּדי איהם צו פֿאַרטויבען און ער, דער קרבן, זאָל ניט קענען קעמפֿען געגען דעם באַנדיט ווען ער טוט זיין מערדערליכע אַרבייט. נוצ־ליך איז אָבער אָפּיאום, ווען אַ דאָקטאָר גיט עס צום קראַנקען צו פֿאַרלינדערען דעם חלה׳ס ווייטאָגען.

— די רעליגיע קומט צום מענשען ווי אַ דאָקטאָר. אמת, די אמונה איז ניט קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וואָס קעמפֿט מיט בלוט און אייזען אַנטקעגען די אומרעכטען און פֿאַר אַ בעסערער וועלט. רעליגיע וויל און שטרעבט אויך צו פֿאַרבעסערען די וועלט, אָבער ניט דורך גוואַלדטהאַטען און ניט דורך בלוט פֿאַרגיסונג, נאָר דורך גוטע מידות און מאָראַלע זיטען; און דערפֿאַר פֿאָדערען די נביאים פֿון די רייכע און אונטערדריקער, אין נאָמען פֿון גאָט, זיי זאָלען תשובה טאָן דורכדעם וואָס זיי וועלען איינפֿירען גערעכטי־קייט צום אָרימען יתום און אלמנה. די רעליגיע פֿאַרטיידיגט ניט די רייכע; זי שטעלט די אינטערעסען פֿון „בין אדם לחברו״ פֿיל העכער ווי „בין אדם למקום״, ווייל, ווי איך האָב פֿריהער געזאָגט, שטראָפֿט דער נביא די רייכע און זאָגט וואָס לעבען פֿון אָרעמאַנ׳ס פּראַצע און זאָגט זיי אין דעם נאָמען פֿון גאָט, זיי זאָלען ניט דענקען אַז זיי טוען גאָט אַ טובה ווען זיי ברייינגען איהם קרבנות און קומען אין טעמפּעל מתפּלל צו זיין. וואָס ער, גאָט, פֿאָדערט פֿון זיי איז, אַז זיי זאָלען שאַפֿען גערעכטיקייט צו זייערע מיט־

מענשען, און ווען זיי וועלען אזוי טאָן, דאַן וועט זיך גאָט צוהערען צו זייערע תּפילות.

— אין דער זעלבער צייט פאַרלינדערט די אמונה די שמערצען און יסורים פון די וואָס זיינען שוואך צו קעמפען מיט זייערע ביטערע אומשטענדען און שטעהןביים אפּגרונד פון יאוש און פאַרצווייפלונג, מיט דעם וואָס זי, די אמונה, ברייננגט זיי טרייסט און האָפנונג. די רעליגיע איז ניט געגען די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדען פון די אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע, וועלכע קעמפען „בפועל ממש״ פאַר א בעסערער וועלט און א גערעכטערער גזעלשאַפט; זי פאַרבאָט ניט דעם שקלאַף צו באַפרייען זיך פון זיינע קייטען, אָבער אירע מעטאָדען זיינען אנדערע, ניט אויפצורייצען דעם אַרבייטער קלאַס געגען זיינען עקספּלואַטאַטאָרס, נאָר זי, די רעליגיע, אַפּעלירט צו די מאַכט באַזיצער פאַר יושר, זיי זאָלען תשובה טאָן און זאָלען זיין גערעכט צום שוואכערען. און געווים דולדעט ניט די רעליגיע קיין אומרעכט און קעמפט אויף איהר אופן עס צו פאַרבעסערען.

— דערפאַר זאָג איך, אַז די געגנער פון רעליגיע זיינען ניט גערעכט ווען זיי באַשולדיגען זי אין פאַרשידענע עולות וואָס די אמונה איז אונשולדיג. וואָס די געגנער דאַרפען טאָן, לויט מיין מיינונג, איז צו באַקעמפען אָט די אויסוואורפען און היפּאָקריטען וואָס טראָגען א רעליגיעזע מאַסקע און אין נאָמען פון גלויבען באַגעהן זיי פילע זינד און פאַרברעכענס, פאַר וועלכע די רעליגיע אַליין פאַרדאַמט זיי מיט די שטאַרקסטע אויסדריקע. אויך דאַרפען אָט די געגנער, אנשטאָט זוכען עולות אין דער רעליגיע און באַשולדיגען איהר אין חטאים אין וועלכע זי איז אונשולדיג, בעסער אויפדעקען פאַר׳ן פאָלק זייערע אמת׳ע שונאים, וואָס נוצען אויס פילע מאָל די רעליגיע דורך פאַלשע נביאים צו ערקלערען מלחמות

און רייצען אַן איין פֿאָלק געגען צווייטען צוליב אייגענע קליינליכע אינטערעסען. אָבער רעליגיע און איהרע לערעס דאַרפֿען פֿאַר־נעמען אַ בכבוד׳יגען פּלאַץ אין דער וועלט און פֿאַר קיין פֿאַל ניט אונטערדריקט ווערען.

— געווים האָט יעדער איינער אַ רעכט אויף זיינע מיינונגען; און אויב עס געפֿינען זיך דאָך אַזעלכע וואָס דענקען, אַז רעליגיע איז שעדליך פֿאַר דער מענשהייט און מוז באַקעמפֿט ווערען, האָבען זיי אַ רעכט אויף זייערע אַפּילו טעות׳דיגע איבערצייגונגען, אָבער נאָר אויף אַזויפֿיל ווי דער קאַמף ווערט אָנגעפֿיהרט אין די ראַמען פֿון אויפֿקלערונג, און ניט דורך אונטערדריקונג, ווייל קיינער האָט קיין רעכט ניט אַרויפֿצוצווינגען זיין מיינונג אָדער אידעאַל אויף אַ צווייטען דורך גוואַלד־מיטלען, ווייל עס איז ברוטאַל, און נאָר פֿאַנאַ־טאַקער זיינען פֿעאיג אויף אַזעלכע מעטאָדען.

— די וועלט געשיכטע ווייס צו דערצעהלען וויפֿיל אומגליקען פֿאַנאַטיזם האָט געבראַכט אויף דער מענשהייט, און אַלס אַזעלכעס מוז עס פֿאַרדאַמט ווערען און פֿאַרגעבראַכט ווערען צום שאַנד־קלאָץ. און פֿאַרדאַמען מוז מען ניט נאָר די יעניגע וואָס געברויכען גוואַלד צו באַקעמפֿען רעליגיע, נאָר אויך די רעליגיעזע פֿאַנאַטיקער וואָס נעמען זיך אַן פֿאַר גאָט׳ס קריוודע און ווילען מיט גוואַלד אַרויפֿצווינגען זייערע רעליגיעזע באַגריפֿען אויף אַנדערע. די רע־ליגיעזע פֿאַנאַטיקער דאַרפֿען פֿאַרשטעהן, אַז ווען אַ איד זינדיגט געגען גאָט „בין אדם למקום", ווי למשל, טראָגט ניט קיין ארבע כנפֿות, אָדער רויכערט חלילה אום שבת, מעג עס זיין אַפּילו אין ארץ ישראל, דאַרפֿען די רעליגיעזע פֿאַנאַטיקער ניט זאָגען, „אויב ניט קיין רעליגיעזער ארץ ישראל, דאַרף מען גאָר קיין ארץ ישראל"...

— ענליכעס האָב איך געלעזען אין אַ אידישער צייטונג, ווי

א גרויסער רב פון די אגודה׳ניקעס האט זיך אויסגעשפראכען: „ווען איך וואלט געהאט די מאכט, וואלט איך די שקצים ארויס־געטריבען פון ארץ ישראל, איך וואלט זיי ניט געגעבען די מעג־ליכקייט אפילו צו ליקווידירען זייערע פארמעגענס”. ער, דער רב, האט דאן געראדט וועגען מאנכע „חלוצים” וואס זיינען ניט פרום געגונג פאר איהם. ער וואלט אזוי געהאנדעלט ווייל, האט ער ווייטער גע׳דרשנ׳ט, „ארץ ישראל איז נאר פאר די אידען וואס לערנען שטענדיג תורה”. און ער, דער גרויסער רב און נאך גרע־סערער פאנאטיקער, האט געדענקט, אז ער וואלט געטאן גאט א גרויסע טובה!... ווען אבער אט די אידישע קנאים וואלטען געווען אביסעל מעהר טאלעראנט, וואלטען זיי פארשטאנען, אז גאט איז ניט הילפלאז, און ער דארף ניט זייער הילפע, זיך איינצושטעלען פאר זיין כבוד.

— דאס פאלגענדע איז ווערט פארצייכענט צו ווערען: געהענ־דיג אין גאס באגעגענט מיך א באקאנטער, וואס ווייס אז איך בין א תושב אין דער „שטאט אטלאנטיק”, ווייל איך בין א היבשער חולה און דער דאקטאר האט מיר פארבאטען צו ארבייטען. פרעגט ער מיך, אויב איך וועל געהן מיט איהם אין שול מתפלל זיין. איך ענטפער איהם: איך פיהל ניט ווי צו געהן איצט. „זעהט”, זאגט ער צו מיר, „ווען איהר זייט געווען באשעפטיגט, האט איהר אין אן ענליכען פאל געהאט א תירוץ פאר דעם רבש”ע, אז איהר קאנט ניט געהן אין שול צוליב פרנסה, איהר דארפט מאכען א לעבען. וואס־זשע האט גאט געטאן? ער האט געמאכט אזוי, אז איהר זאלט מעהר ניט קענען אנהאלטען אייער באשעפטיגונג; אבער יעצט האט איהר דאך גענוג צייט, טא וואס פאר א תירוץ וועט איהר אים געבען, ווארום איהר געהט ניט אין שול?”

— באטראכטענדיג אט דעם פאנאטיקער און פילענדיג ווי ער

איז צופרידען וואס גאט האט מיך געשטראפט כדי איך זאל, נאך זיין מיינונג, מעהר ניט קענען אנגעבען קיין פאלשע תירוצים, האב איך מיר געטראכט: וואס פאר א נארישען און פאלשען באגריף אט דער מענטשל האט וועגען גאט, וועלכער האט אזא גרויסע און שעהנע וועלט באשאפען! ווי קליין און ראכע זוכענד מוז זיין זיין גאט! ווען אט דער איד וואלט קיין פאנאטיקער ניט געווען, וואלט ער איינגעזעהן ווי ער ערנידעריגט גאט מיט זיין באגריף וואס ער האט וועגען איהם: אז ער, גאט, וועט באשטראפען א מענשען נאר דערפאר וואס דער מענש לויפט ניט אין שול דריי מאל א טאג איהם צו לויבען. אזעלכע ווי אט דער איד זיינען ניט נאר נארישע פינסטערלינגע, נאר אויך א שאנדע פאר דעם אמת'ן רעליגיעזען געדאנק. איך מיין ניט צו זאגען, אז ווען איינער פילט ווי צו לויבען גאט דריי מאל א טאג איז עס נאריש. ניין-! חס וחלילה! קיין דענקענדער מענש וועט פון אזא רעליגיעזען אידען ניט חוזק מאכען. נאר איך זאג, אז דער פאנאטיקער דארף אויך פארשטעהן, אז אויב גאט הערט זיך צו צו די תפילות פון מענשען וואס לויפען דריי מאל אין טאג אין שול מתפלל זיין, וועט ער זיך אויך צוהערען צו די וואס טוען תפילה צו איהם און געהן ניט אין שול, אבי זיי זיינען מתפלל מיט'ן גאנצען הארצען. „בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך” (אין יעטווידען ארט וואו איך וועל מאכען דיך פיהלען צו דערמאנען מיין נאמען, וועל איך קומען צו דיר און וועל דיך בענשען).

— איך שפאציר אפט אויף דעם בארדוואק (הילצערנער שפא-ציר גאנג) אין אטלאנטיק סיטי. מאכט זיך אמאל שפעט אין אבענד, סוף חודש, ווען עס איז זעהר פינסטער, און איך ווארף מיינע בליקען אויפ'ן ים, אבער איהם זעה איך ניט, בלויז א ווייטער, טיפער חושך, א חושך ווי א תהום... איך הער נאר דאס רוישן פון די

כוואַליעס, וואָס יאָגען זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע; און איך קלער: ווען אָט דער ים וואָלט געקענט ריידען די מענשליכע שפּראַך, וואָס פאַר שעהנע מעשה'לעך ער וואָלט אונז דערצעהלט! פיליכט וואָלט ער ריידען פון זיינע קינדער־יאָהרען! און אפשר וועגען די וואונדערליכע פּאַסירונגען פון זיינע מיטעל־יאָהרען! אויך פון גרוי־זאַמע און שוידערליכע געהיימנישען פון דער וועלט מלחמה און פון אַנדערע מלחמות וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אויך אין זיינע על־טערע יאָהרען! אַזוי שטעה איך און טראַכט ביז איך ערוואַך אַזוי ווי פון אַ שלאָף, און זאָג דאָן צו זיך: איך רייד פון דעם ים'ס „עלטערע" יאָהרען... ווי לעכערליך דאָס איז! עס קאָן זיין, ווען איך וואָלט געוואוסט ווי אַלט דער ים איז און עס פאַרגלייכען מיט דער צייט וואָס ער וועט נאָך עקזיסטירען, וואָלט איך מסתמא אויסגעפונען, אַז דער ים איז נאָך נאָר ניט אין זיינע אַלטע יאָהרען, נאָר דאָס ער איז בלויז אין זיינע קינדער יאָהרען...

— אַזוי פילאָזאָפירענדיג, הער איך אַ געהיימע שטימע פון דעם „שר של־ים", וועלכער זאָגט: „בן אדם, דו מענשען קינד, וועגען וואָס טראַכסטו? וואָס ווילסטו וויסען? זעה, איך בין אַ סך גרע־סער, פיל עלטער און אויך שטאַרקער פון דיר; דאָך טראַכט איך ניט, דענק ניט, און וויל פון קיין זאַך ניט וויסען. איך טו נאָר דאָס צוליב דעם וואָס איך בין באַשאַפען געוואָרען מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק; איך ווער אָבער ניט מיעד. טאָ צו וואָס דאַרפסטו טראַכטען און ווילען וויסען זאַכען וועלכע זיינען פאַרהוילען פון דיר, דו שוואַכע באַשעפעניש?" איך הער זיך גוט צו. איך פיהל אָבער ביי זיך ניט אַרונטער געפאַלען פון זיינע רייד, און איך ענטפער איהם:

— ווי נאַאיוו דיינע רייד זיינען, דו הערשער פון ים! אמת, ביסט טאַקע פיל, פיל גרעסער פון מיר און אויך עלטער פון מיר,

אָבער ניט שטאַרקער פֿון מיר... דו טוסט אַלעס, ניט ווייל דו ווילסט אַזוי, נאָר ווייל דו ביזט באַשאַפֿען געוואָרען צו טאָן דיין ארבייט אַזוי און ניט אַנדערש; דו האָסט ניט קיין פֿרייען ווילען, און דו קאָנסט זיך אַליין ניט באַהערשען. איך אָבער האָב יאָ אַ פֿרייען ווילען, און אויך די קראַפֿט זיך צו באַהערשען. איך קאָן טאָן אַלעס וואָס איך וויל, גוטעס און אויך שלעכטעס; עס איז אַלץ אָן מיר געווענדט. און ווען איך, מענש, ווער דורך אומ־שטענדען אונטערוואָרפֿען צו אַ נסיון און קריג אַזעלכע פֿאַרלאַנגען וועלכע, אויב איך גיב נאָך, קענען דורך דעם ליידען מיינע מיט־מענשען, בין איך ביכולת אַזעלכע פֿאַרלאַנגען צו באַהערשען און אונטערדריקען, און דערפֿאַר בין איך שטאַרקער פֿון דיר, דו „שר של ים”.

— און איך טראַכט ווייטער: יאָ, אַ מענש קאָן און דאַרף זיין שטאָלץ מיט דער מתנה וואָס דער אַלמעכטיגער באַשעפֿער האָט איהם געגעבען, און דאָס איז דעם פֿרייען ווילען און די קראַפֿט זיך קענען באַהערשען. נאָר דאַן, ווען ער, דער מענש, נוצט אויס אָט דיזע מתנה פֿון גאָט כּדי צו שאַפֿען גוטעס, האָט ער די רעכט זיך צו שטעלען אויף דער שטופֿע פֿון „מעט מאלהים”. אַזוי פֿילאָ־זאָפֿירענדיג, פֿיהל איך אין זיך די נאָהענטקייט פֿון „אהבת הבורא” און מיינע ליפּען הויבען זיך אָן צו באַוועגען און שעפּטשען אַרויס די פֿילאָזאָפֿישע תּפֿילה: „אדון עלם אשר מלך בטרם כל יציר נברא”...

— און אַמאָל שטעה איך ביים ברעג ים, אין אַ שעהנער אויס־געשטערענטער נאַכט, און קוק מיט באַגייסטערונג ווי די לבנה הויבט זיך אָן באַווייזען אויף דעם האָריזאָנט. עס זעהט אויס, ווי זי וואָלט גראַדע אַרויסגעקומען פֿון ים. זי ערשיינט ווי אַ בת מלכּה, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעטובל׳ט אין די בלויע אַקי־

אנוס וואַסערען; די שטערען פֿון הימעל ערוואַרטען איהר אונגע־
דולדיג מיט עהרע און ליבע. די גרעסערע שטערען, שטעל איך מיר
פֿאַר, זיינען די אַדמיראַלען פֿון ים, און די קלענערע שטערען זיינען
די קאַפּיטאַנען, און די פּרינצעסין, די לבנה, שיינט מיט צופֿרידענ־
הייט ווערענד די אויפֿנאַמע וואָס זי קריגט פֿון די שטערען; זי
שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם אָקעאַן; און עס זעהט אויס, אַז זי, די
פּרינצעסין־לבנה, איז באַגייסטערט פֿון איהר אייגן ליכטיג פּנים...

— דער ים איז שטיל, רואיג, מאַכט קיין באַוועגונג, אַזוי ווי
ער וואָלט מורא האָבען דאָס די פּרינצעסין־לבנה וועט ברוגז ווערען
ווען זי וועט זיך ניט קענען אָנשפּיגלען אין דעם אַטלאַנטישען
אָקעאַן. די קליינע וועללען וואָס גרייכען צום ברעג זיינען איינגע־
האַלטען, געלאַסען, און לאַסטשען און גלעטען דאָס זאַמד פֿון ברעג
ים ווי אַ יונגע מוטער וואָס האָט איהר קליין קינד צוגעטוליעט צו
איהר ברוסט, גלעטענדיג דאָס קעפּעלע פֿון קינד מיט ליבע און
צערטליכקייט. עס דאַכט זיך אויס, אַזוי ווי דער ים שעפּטשעט
צו אָט די קליינע כוואַליעס: „שאַ, שטיל, מיינע קינדערלעך, מאַכט
ניט קיין ליאַרעם, די פּרינצעסין לבנה קומט יעצט אָן„.

— דאַן ערוועקט זיך אין מיר עפּעס אַ הייליגע באַגייסטערונג
פֿאַר אָט דער שעהנער פּאַנאָראַמע וואָס דער אַלמעכטיגער פֿאָטער
אין הימעל האָט באַשאַפֿען, און מיין הארץ ווערט אָנגעפּילט מיט
ליבע צו אַלעם וואָס לעבט און עקזיסטירט אויף דער וועלט. איך
פֿיהל ווי אַרומצונעמען די גאַנצע מענשהייט, אָהן אונטערשיד פֿון
ראַסען, נאַציאָנען און גלויבענס, און זיי צודריקען צו מיין הארצען
מיט ליבע און צערטליכקייט און זיי זאָגען: ווארום זייט איהר אַזוי
נאַריש און האַסט און מאָרדעט איינער דעם אַנדערען? זעהט וואָס
פֿאַר אַ שעהנע, וואונדערליכע וועלט גאָט האָט פֿאַר אונז באַ־
שאַפֿען! מיר אַלע, אָהן אויסנאַהמע, קענען לעבען אַזוי גליקליך און

צופֿרידען מיט פֿריינדשאַפֿט איינער צום צווייטען. מיט אַ הייליגער באַגייסטערונג שיק איך אַ תּפֿילה, וואָס קומט אַרויס פֿון דער טיפֿעניש פֿון מיין האַרץ צום באַשעפֿער פֿון דער וועלט, און זאָג: „אלהי, נשמה שנתת בי, טהורה היא”, און פֿיהל זיך אַזוי גליקליך צו קענען באַאָבאַכטען כאָטש אַ קליינע טהייל פֿון דער גרויסער וועלט פּאַנאָראַמע!

— יעצט וועל איך פֿרעגען אַזעלכע אידען ווי יענער פֿאַנאַטיקער, צי גאָט הערט זיך נאָר צו צו זייערע תּפֿילות פֿון די פּרשהס „קטורה” און „קרבנות, וועלכע, לויט זייער השגה, דער רבש”ע דאַרף אַזוי נויטיג האָבען? אָדער ער הערט זיך אויך צו צו אַזעלכע ווי איך, וואָס שיקען זייערע תּפֿילות אויס דאַנקבאַרקייט צו איהם מיט געפֿיהלען וועלכע קומען אַרויס פֿון דער טיפֿעניש פֿון דער נשמה, און געהן ניט אָפֿט אין שול, ווייל זיי גלויבען אודאי „כי מלא כל הארץ כבודו”?...

— אַמאָל, ווען איך קום צום דאָקטאָר ער זאָל מיך אונטערזוכען, און הערענדיג ווי ער זאָגט מיר, „הער ווערשאַוו, איהר מוזט אַכטונג געבען אויף זיך; איהר ווייסט דאָך, אַז מיט אַ קראַנקער האַרץ שפּילט מען זיך ניט! איהר דאַרפֿט זיין זעהר פֿאָרזיכטיג מיט'ן עסען; איהר טאָרט ניט אויפֿרעגען זיך; איהר טאָרט זיך ניט אָנשטרענגען; איהר טאָרט ניט געהן צו פֿיל, אויך ניט צו שנעל; איהר מוזט רוהען, וואָס מער דעסטאָ בעסער פֿאַר אייער געזונד; אויב איהר וועט אויף זיך ניט אַכטונג געבען, ווייסט איהר דאָך, מיט אַ שוואַך האַרץ מוז מען זיין זעהר פֿאָרזיכטיג”.

— ווען איך פֿאַרלאָז דעם דאָקטאָר'ס קאַבינעט און געה שוין אַהיים טריט נאָך טריט, לויט זיינע באַפֿעהלען, טראַכט איך דאַן: „מה אנו ומה חיינו?” וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט אין דער אמת'ן אַ מענש? וואָס איז זיין לעבען אויף דער וועלט? אויפֿ'ן האַרצען

ווערט אזוי שווער; פֿאַר די אויגען טונקעל, און אין מוח רוישט... דאַן רייסט זיך אַרויס פֿון אַ געהיים ווינקעל אין מיין האַרצען אַ פֿאַרצווייפֿעלטער אויסגעשריי: „ה׳ רועי — לא אחסר“, און ווען איך קום צו די ווערטער: „גם כי אלך בגי צלמות לא אירע רע, כי אתה עמדי„, וואָס עס מיינט, ווען איך גייה אין דעם טהאָל פֿון פֿינסטערניש און טויט, האָב איך קיין מורא ניט, ווייל דו (גאָט) ביסט מיט מיר, פֿיהל איך ווי עס ווערט מיר לייכטער אויפֿ׳ן האַרצען, ליכטיגער פֿאַר די אויגען, ווי אויך קלאָרער דער מוח, און איך דערמאָן זיך אין די ווערטער פֿון אַ קריסטליכען פֿריידיגער ווען איך האָב געהערט אַמאָל זאָגען:

"One with God is a majority"

„אַפֿילו נאָר איינער אַליין, אָבי נאָר מיט גאָט, איז ער אין אַ מערהייט“.

— איך הויב אָן פֿאַרשטעהן ווי נויטיג עס איז פֿאַר פֿילע מענשען צו פֿיהלען דעם „אתה עמדי“, ווייל עס טרעפֿט זיך אין מענשען׳ס לעבען אַזוי פֿיל צרות און אומגליקען, און ווען דער מענש הויבט אָן פֿאַרלירען דעם באָדען פֿון אונטער זיינע פֿיס, דאַן קומט די אמונה און ברייננגט איהם טרייסט און האָפֿענונג, לערענט איהם ניט צו פֿאַרלירען דעם מוטה. דערפֿאַר זאָג איך, אַז עס איז אַן אומרעכט און עס איז ניטאָ קיין אורזאַכע צו פֿאַרדאַמען אָדער באַקעמפֿען רעליגיע. שלעכטעס טאָן צו אַ צווייטען פֿאַרבאָט דאָך די רעליגיע אין נאָמען פֿון גאָט; טרייסט פֿאַר די האָפֿנונגסלאָזע ברייננגט דאָך די אמונה. דערפֿאַר בין איך מיט די וואָס זאָגען, „זאָל יעדער איינער געהן און טאָן גוטעס אין נאָמען פֿון זיין גאָט און מיר וועלען געהן אין נאָמען פֿון אונזער גאָט“, וואָס דאָס מיינט, אַז יעדער מענש האָט אַ רעכט אויף זיינע אידעאַלען און איבערצייגונגען און קיינער האָט קיין מאָראַלישע רעכט איהם צו אונטער-

דריקען. אָבער, ווי געזאָגט, דער פֿאַנאַטיקער, וואָס וויל מיט גוואַלד אַרויפֿצווינגען זיין גלויבען אויף זיינע מיטמענשען, מוז פֿאַרדאַמט ווערען און באַקעמפֿט ווערען פֿון יעדען אָרענטליכען מענשען, ווייל פֿאַנאַטיזם איז אַ קללה פֿאַר דער מענטשהייט, עס מאַכט קיין אונטערשיד צי עס ווערט געטאָן אין דעם נאָמען פֿון „רעליגיע" אָדער אין דעם נאָמען פֿון „קאָמוניזם".

X

בן שלמה פֿרעגט ווייטער:

— פֿריינדע, בן צבי האָט געבראַכט אַ ביישפּיל, דאָס „אַ מאַשין, ווי נוצליך און שכל׳דיג איהר אַרבייט זאָל ניט זיין, אַרבייט זי ניט מיט איהר פֿרייען ווילען, און אויך ניט מיט אַ באַוואוסטזיין, ווייל זי ווייסט דאָך ניט וואָס זי טוט; נאָר עס איז אַ דאַנק דעם שכל פֿון דעם ערפֿינדער וואָס מאַכט די מאַשין צו אַרבייטען אַזוי פֿאָלקאָמען". אַזוי, זאָגט בן צבי, „זיינען אויך די נאַטור-געזעצען: כאָטש זיי אַרבייטען פֿולשטענדיג און מיט אַ סיסטעמע, דאָך ווייסען זיי ניט וואָס זיי טוען, פּשוט ווייל זיי אַרבעטען דורך דעם ווילען פֿון גאָט, וועלכער האָט זיי באַשאַפֿען פֿאַר אַ געוויסען צוועק".

— אַלזאָ, לאָמיר צוגעבען, אַז גאָט האָט יאָ אַ באַוואוסטזיין און אַ פֿרייען ווילען. פֿרעג איך, וואָס פֿאַר אַ פּראַקטישען נוצען קאָן די מענשהייט האָבען דערפֿון? גלויבט טאַקע בן צבי, אַז דער גאָט וואָס האָט אַ פֿרייען ווילען הערט זיך צו צו די וואָס בעטען איהם ער זאָל זיי העלפֿען אין אַן עת צרה? ענטפֿערט אָט דער גאָט ווירקליך די יעניגע וואָס זיינען מתפלל צו איהם צו פֿאַרלינדערען זייערע שמערצען? און אויב ער איז ניט ביכולת זיי צו ענטפֿערען און פֿאַרגרינגערען זייער שיקזאַל ווייל, ווי אַ גרויסער פֿילאָזאָף האָט אַמאָל געזאָגט, „אַז תּפֿילה טאָן צו גאָט ער זאָל העלפֿען מיינט

בעטען ביי איהם אַז צוויי מאָל צוויי זאָל ניט זיין פיער". דאָס מיינט, אַז גאָט וועט ניט באַווייזען נסים וועלכע זיינען אין געגענ־זאַץ די נאַטור־געזעצען וואָס ער אַליין האָט באַשאַפען... און אויב ער ענטפערט ניט, טאָ וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז עס פאַר אונז, צי די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען און ווערט געפיהרט פון דעם גולם־נאַטור אָדער פון אַ גאָט מיט אַ פרייען ווילען און באַוואוסטזיין? אויך וויל איך פרעגען, אויב גאָט האָט יאָ אַ פרייען ווילען, צי איז עס טאַקע זיין ווילען, אַז מיר מענשען זאָלען זיין גוט איינער צום צווייטען, העלפען איינס דאָס אַנדערע, און ניט באַגעהן קיין עולות געגען אונזערע מיטמענשען? און אויב עס איז יאָ זיין ווילען, היינט דורך וועמען האָט ער אונז געלאָזט וויסען וואָס זיין רצון איז? בן צבי וועט דאָך ניט באַהויפטען, אַז גאָט האָט גערעדט צו אַ „בן אדם" „פה אל פה"?

בן צבי'ס ענטפער:

איידער איך וועל ענטפערען בן שלמה'ן אויף זיינע פראַגעס, וויל איך גלייך זאָגען, אַז איך גלויב ניט אַז גאָט האָט זיך צו אימיצען באַוויזען אין דעם זינען ווי מאַנכע רעליגיעזע מענשען שטעלען זיך פאָר, און גערעדט צו אַ יליד אשה „פה אל פה". אוודאי ניט! די בעסטע ערקלערונג, וואָס אַ מענשליכער שכל האָט ביז איצט אַרויסגעבראַכט וועגען דעם באַגריף פון גאָט, איז געוועזען דער רמב"ם, זצ"ל. אין איינעם פון זיינע דרייצעהן „עקרים" זאָגט ער, „אינו גוף, ולא ישיגוהו משיגי הגוף, ואין לו דמיון כלל" — גאָט איז ניט קיין קערפער און האָט ניט קיין פאָרשטעלונג פון אַ קערפער, און האָט איבערהויפט ניט קיין געשטאַלט. דורך אַזאַ באַגריף איבער גאָט"ס פאָרשטעלונג איז פאַרשטענדליך, אַז גאָט האָט צו קיינעם זיך ניט באַוויזען און צו קיינעם ניט גערעדט „פה אל פה", פונדעסטוועגען זיינען די רעליגיעזע ניט אויסען וועג, און אָט וואָרום.

— לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען ווי איינער האָט געקויפֿט אַ וועקזייגער, און אַז נאָך פֿיער און צוואַנציג שטונדען שטעלט זיך דער זייגער אָפּ. דער קויפֿער, ניט ווּיסענדיג, אַז מען דאַרף דעם זייגער אָנציהען, דענקט אַז דער זייגער איז מסתמא קאַליע געוואָרען; אָבער אַנשטאָט געהן צום פֿאַרקויפֿער פֿרעגען די אורזאַכע פֿון דעם זייגער׳ס בלייבען שטעהן, האָט ער אַליין אָנגעפֿאַנגען זוכען די אורזאַכע... אויסדרייענדיג דעם זייגער אויף דער אַנדער זייט פֿון ציפֿער-בלאַט, האָט ער דאָרט באַמערקט אַ שרייפֿעלע, וואָס מען קאָן עס אָנגעהמען מיט די פֿינגער און דרייען. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער דאָס שרייפֿעלע געדרעהט, ביז עס האָט זיך שוין ווייטער ניט געלאָזט דרעהען. און וואונדער איבער וואונדער! דער זייגער איז אַוועק מיט זיין טיק-טאַק גאַנג, און זיך אָנגעהויבען נאָרמאַל באַוועגען. דער אייגענטימער פֿון זייגער האָט דאַן פֿאַרשטאַנען, אַז יעדע פֿיער און צוואַנציג שטונדען, אָדער מעת לעת, מוז מען דעם זייגער אָנציהען, און דורך דעם קריגט דער זייגער ענערגיע צו באַוועגען זיך אַ גאַנצען מעת-לעת. איצט וועלען מיר זעהן וואָס דער זייגער מאַכער האָט אויפֿגעטאָן מיט דעם וואָס ער האָט איינגעפֿאַסט אָט דאָס שרייפֿעלע אין זייגער. זיין שאַפֿונג איז געווען דאָס פֿאָלגנדע: אַנשטאָט דער קויפֿער זאָל איהם קומען פֿרעגען די סיבה אלמאַי דער זייגער איז פּלוצלונג געוואָרען באַוועגלאָז און דער בעל מלאכה זאָל איהם דאַרפֿען ערקלערען וואָס צו טאָן, האָט איהם דאָס שרייפֿעלע פֿאַרשפּאָרט אַ סך טרחה. דאָס שרייפֿעלע איז געווען דער פֿאַרמיטלער צווישען דעם פֿאַכמאַן און קויפֿער. ער, דער זייגער מאַכער, האָט פּשוט גערעדט מיט׳ן קונה, כאָטש ניט פּה אל פּה, נאָר דורכ׳ן פֿאַרמיטלער דאָס שרייפֿעלע...

— יעצט וועלען מיר נעמען דעם נמשול צווישען גאָט און מענש. גאָט האָט קיינעם ניט אָנגעזאָגט, וואָס מיר מענשען דאַרפֿען

מאַן אום צו עקזיסטירען, אָבער ער האָט אונז באַשאַפֿען מיט אַזעלכע „שרייפֿעלעך" וואָס מיר האָבען אַ נאָמען געגעבען אינ־סטינקטען, דורך וועלכע מיר אָריענטירען זיך וואָס איז נויטיג פֿאַר אונזער קיום. צום ביישפּיל: ווען מיר עסען ניט אַ לאַנגע צייט פֿיהלען מיר הונגער; דאָס איז דער קול מבשר צו אונז, אַז מיר דאַרפֿען ווידער זיך באַזאָרגען מיט ענערגיע דורך שפּייז, — דאָס איז די ענערגיע וואָס מיר האָבען פֿאַרלאָרען אין דער פֿריהערדי־גער שעה ווען מיר האָבען געאַרבייט. אויב אָבער מיר פֿאָלגען ניט דעם רוף פֿון הונגער, ווערען מיר וואָס אַמאָל שוואַכער, און דאָס צווינגט אונז זיך יאָ צו הערען צום עכאָ פֿון הונגער.

— דורך דעם זעהן מיר, אַז גאָט, אַנשטאָט ריידען צו אונז פּה אל פּה און אונז זאָגען, „מענשען קינדער, איהר מוזט עסען צוליעב אייער עקזיסטענץ", רעדט ער צו אונז דורכ'ן שרייפֿעלע וואָס מיר רופֿען „הונגער־אינסטינקט". ווען מיר וואָלטען קיין הונ־גער ניט געפֿיהלט, וואָלטען מיר ניט געוואוסט, אַז מיר דאַרפֿען עסען אום צו פֿאַרפֿולען אונזער ענערגיע; מיר וואָלטען געוואָרען אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און דאָס וואָלט געווען אַ קאַטאַס־טראָפֿע פֿאַר אונזער קיום, ווייל מיר וואָלטען פּשוט אויסגעגאַנגען פֿון הונגער, ניט ווימענדיג אַליין די סיבה דערפֿון. וואָס האָט גאָט געטאָן? ער האָט אונז באַשאַפֿען מיט אַן אינסטינקט צו פֿיהלען הונגער, און דורך דעם האָט ער אונז געלאָזט וויסען זיין באַפֿעל כּדי צו לעבען. אָט איז אַ שלאָגענדער פֿאַקט צו באַשטעטיגען מיין באַהויפּטונג.

— מיט הונדערט און פֿופֿציג יאָהר צוריק האָט דער רוסישער פֿיזיאָלאָג, פּאַוולאָוו, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, איבער־געשניטען אַ געוויסען נערוו אין בויך פֿון אַ הונט, פֿון וועלכעס דער כּלב האָט פֿאַרלאָרען זיין חוש פֿון הונגער. זיין מאָגען איז

געוועו געזונט און ליידיג, און ווען מען האָט איהם געגעבען שפּייז האָט ער זיך צו דעם ניט צוגערירט, ווייל ער האָט ניט געהאַט דעם חוש פון הונגער. אַזוי לאַנג ווי מען האָט די שפּייז אַריינגעלעגט צו איהם אין מאָגען מיט גוואַלד, האָט ער געלעבט; אָבער ווען מען האָט איהם אויפגעהערט צו שפּייזען מיט גוואַלד, איז ער געשטאָרבען פון ניט עסען, אָבער דעם געפיהל פון הונגער האָט ער ניט געהאַט.

— און אַזוי לאָזט אונז גאָט וויסען דורך דעם אינסטינקט פון דורשט אַז מיר מוזען טרינקען, און דורך מידקייט מוזען מיר שלאָפען, א. ז. וו. מיר זעהן אויך, אַז אַנשטאָט גאָט זאָל ריידען צו אונז און זאָגען, אַז עס איז שעדליך פאַר אונז מענשען צו עסען מעהר ווי מיר באַנויטיגען זיך פאַר אונזער קיום, האָט ער אונז געגעבען געוויסע וואָרנונגען מיט דעם, דאָס ווען אַ מענש עסט צו פיל, ווערט עס פאַר איהם שעדליך: ער ווערט מיט דער צייט פעט און איז אונטערוואָרפען צו פאַרשידענע קערפּערליכע קראַנקהייטען. אָבער אַנשטאָט ריידען צו אונז פּה אל פּה, רעדט ער צו אונז דורך סמנים וועלכע לערנען אונז צו עסען אַזויפיל אום צו לעבען, אָבער ניט לעבען נאָר צוליב דעם עסען.

— און אַזוי ווי גאָט רעדט צו אונז דורך סמנים ווי אַזוי מיר זאָלען אויפפּאַסען אויף אונזער קערפּער, אַזוי רעדט ער אויך צו אונז דורך סמנים פון ליבע און רחמנות צו אונזערע מיטמענשען. און אָט די סמנים זיינען די רחמנות-אינסטינקטען, אָדער מיטלייד-געפיהלען וואָס ער האָט איזאונז באַשאַפען. די פאָלגענדע פּאַסירונג וועט באַשטעטיגען מיין באַהויפּטונג.

— מיט אַ לענגערער צייט צוריק האָב איך פאַרבראַכט מיט מיינעם אַ פריינד ביי מיר אין הויז. נאָכדעם ווי מיר האָבען אַרומגערעדט פאַרשידענע טעגליכע פּאַסירונגען, האָבען מיר איינגע-

שטימט, אַז יעדער פֿון אונז זאָל דערציילען אַ וויכטיגע פּאַסירונג פֿון זיין לעבען, וועלכע ער שעצט זיך גליקליך פֿון דער בלויזער עראינערונג. געווען בין איך דער ערשטער, און דערציילט האָב איך וועגען אַן איבערלעבענים וואָס האָט מיט מיר געטראָפֿען אונגעפֿער מיט פֿינף און דרייסיג יאָהר צוריק...

— "געהענדיג איינמאָל איבער'ן גאַס זעה איך אַ פֿרעמדען אָנקומען אַנטקעגען מיר און וואַקלענדיג זיך ווי ער וואָלט געווען שכּור, אין ווענען איך האָב זיך באַלד איבערצייגט אַז ער איז גאַנץ ניכטער. איך בין מיט נייגעריגקייט באַלד צו איהם צוגעגאַנ-גען און איהם געפֿרעגט, אפֿשר פֿילט ער ניט גוט? זיין ענטפֿער איז געווען טרערען אין די אויגען מיט אַ באַקלאָגען זיך אַז שוין צוויי טעג ווי ער האָט גאָרניט געגעסען. אויך האָט ער אַ פֿרוי מיט דריי קינדער און האָט שוין לאַנג ניט קיין אַרבייט; אַזוי געהט ער אַרום יעדען טאָג זוכען עפּעס וואָס צו טאָן, אָבער ער קאָן גאָרנישט געפֿינען. יעצט האָט ער זיך אַרויסגעלאָזען אויף גאַס'ם באַראַט עטוואָס צו פֿאַרדינען, אָבער ער פֿיהלט זיך ליידער צו שוואַך; ער האָט מורא ער זאָל ניט אַנידערפֿאַלען אין מיטען גאַס.

— „האָב איך איהם אַריינגענומען אין אַ רעסטאָראַן און, באַ-שטעלענדיג פֿאַר איהם אַ מאָלצייט, האָב איך זיך אַנידערגעזעצט פֿון דערוווייטענס וואַרטען ביז ער וועט אָפּעסען. איך מוז זאָגען, אַז איך האָב אויף מיין גאַנצן לעבען קיינמאָל אַזוי ניט הנאה געהאַט פֿון דעם בעסטען מאָלצייט וואָס איך האָב ווען געגעסען, ווי איך האָב הנאה געהאַט זעהענדיג ווי דער מאַן האָט פֿאַרגעניגען פֿון זיין אכילה. איך האָב ממש געפֿיהלט אַ גייסטיגען עונג, וועלכער האָט זיך אַריינגעריסען טיף אין מיין נשמה, אָבער גלייכצייטיג מיט אַ גרויסען מיטלייד צום אומגליקליכען קרבן פֿון דער איצטיגער וועלט פֿיהרונג...

— „נאָכהער בין איך מיט איהם אַריין אין אַ שפּייז־קראָם און איהם פֿאַרזאָרגט מיט ברויט, פּוטער, מילך, קעז, צוקער און ענליכע פּראָדוקטען. מיר זיינען ביידע אַוועק צו איהם אַהיים, און דערצעהלען אייך ווי טרויעריג זיין פֿרוי און קינדער האָבען אויס־געזעהן בין איך ניט ביכולת אויסצומאָלען, איך בין אויך ניט אימ־שטאַנד צו באַשרייבען די פֿרייד וואָס האָט זיך צוגאָסען אויף זייערע פּנים׳ער ווען מיר האָבען אויסגעלייגט דעם שפּייז־אוצר. איבערהויפּט האָט זיך געפֿרייט מיט קינדערשער פֿרייד דאָס צוויי יאָהריגע קינד.

— „איך האָב נאָכהער געפֿונען אַ שטעהלע פֿאַר דעם מאַן צווישען מיינע באַקאַנטע, וואו ער אַרבייט נאָך עד היום; און כאָטש ער איז קיין מיליאָנער ניט געוואָרען אַרבייטענדיג פֿאַר יענעם, פֿאַרדינט ער זיין חיונה אויף אַן אַנשטענדיגען אופֿן, און עס איז איהם אויך געלונגען צו ערציהען זיינע קינדער גאַנץ שעהן. זיי, די קינדער, זיינען אויך אַרבייטער און פֿאַרדינען זייערע לע־בנעס־מיטלען אַלס ערליכע אַרבייטער". ווי געזאָגט זיינען שוין פֿינף און דרייסיק יאָהר אַוועק זינט יענער פּאַסירונג, און אין משך פֿון דער לאַנגער צייט האָבען שוין מאַנכע פֿון מיינע אָפּגעשוואַכטע חושים פֿאַרגעסען דעם טעם פֿון פֿילע געשמאַקע מאכלים, אָבער דעם גייסטיגען פֿאַרגעניגען וואָס איך האָב געפֿיהלט אין מיין נשמה ווען יענער הונגעריגער האָט דאַמאַלסט געגעסען אין רעסטאָראַן וועל איך אויף מיין גאַנצען לעבען ניט פֿאַרגעסען. און כאָטש עס איז אַ טרויעריגע ערשיינונג ווען אַ פֿאָטער פֿון אַ פֿאַמיליע וויל אַרבייטען אום פֿאַרזאָרגען זיינע ליבע און טייערע מיט די דרינ־גענדע הצטרכות פֿון לעבען און ניט קענעדיג קריגען קיין אַרבייט מוז ער צוזעהן ווי זיינע קינדער הונגערען, ווייל די היינטיגע געזעל־שאַפֿט פֿיהרט ניט איהר באַלעבאַטישקייט אין אָרדנונג און פֿאָלג־

ליך ניט אויף אַ יושר'דיגען אופֿן, בין איך אָבער צופֿרידען וואָס איך בין געווען דער גוטער שליח פֿון יענער פֿאַמיליע. ביז היינטיגען טאָג פֿיהל איך אַ גייסטיגע צופֿרידענהייט. אָט דער גייסטיגער גענוס וועט דויערען ביז די לעצטע טעג פֿון מיין לעבען אַלס אַ באַלוינונג פֿאַר דער גוטער טהאַט וועלכע איך האָב געווידמעט צו איינעם פֿון מיינע מיטמענשען.

— נאָכהער האָט מיין פֿריינד דערציילט וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. „עס איז געווען", האָט ער אָנגעפֿאַנגען, „אין אַ קאַלטען ווינטער טאָג מיט אַן ערך דרייסיג יאָהר צוריק. קיין אַרבעט האָב איך דאַן ניט געהאַט, עס איז געווען נאָך מיין פֿאַך-סעזאָן; האָב איך גענומען אַ שפּאַציר איבער דער באַרימטער אידישער ריווינג-טאָן גאַס אין ניו יאָרק. זעה איך ווי מענשען לויפֿען און הער ווי זיי שרייען פֿייער, פֿייער! האָב איך אָנגעהויבען מאַכען שנעלערע טריט צו דער ריכטונג פֿון אַלעמענס נייגעריגקייט, און בלויז איין ראָג פֿון גאַס ווייטער האָב איך דערזעהן אַ מאַסע אויפֿגערעגטע מענשען שטעהן מיט די קעפּ פֿאַרריסען, זייערע בליקען געווענדעט אין דער הויך. מיינע אויגען האָבען אויך געקוקט אין הויפּט אָרט פֿון דעם המונ'ס אויפֿמערקזאַמקייט, ווען פֿאַר מיר האָט זיך ענט-פּלעקט אַ שרעקליכעס בילד. אויף דעם פֿערטען שטאָק פֿון אַן אַלטער געביידע האָט זיך באַוויזען אַ יונגע פֿרוי מיט אַ זויג-קינד אין איהרע אָרעמס און האָט יאָמערליך געשריען.

— „ אַ רויך האָט געשפּאַרט פֿון די פֿענסטער... דער צווייטער און דריטער שטאָק זיינען שוין געווען אין פֿלאַמען. אַלע שכנים, ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָבען זיך באַצייטענס געראַטעוועט, נאָר דיזע איינציגע אונגליקליכע מוטער מיט איהר קינד זיינען געבליבען אין אַ פּאַסטקע, ניט קענענדיג זיך ראַטעווען... די איינציגע וועל-כע וואָלטען געקענט לייסטען שנעלע הילפֿע זיינען נאַטירליך געוועזן

די פֿייער לעשער, נאָר ווייל זייער לעש־פּאָמפּען זיינען נאָך דאַן געפֿיהרט געוואָרען מיט פֿערד און דער וועג אָדער די שמאָלע גאַסען זיינען געווען פֿאַרוועהט מיט אַ געדיכטען און געפֿראָרענעם שניי, איז שנעלע הילפֿע פֿאַר דער אומגליקליכער מוטער געווען כּמעט אונמעגליך.

— „אַזוי ווי איך שטעה אין אַ הילפֿלאָזער און פֿאַרביטערטער לאַגע, באַדויערענדיג די אונגליקליכע מוטער מיט איהר קינד, צו־זאַמען מיט דעם געדרענג פֿון צושויער, דערטראָגט זיך צו אונז אַ געשריי פֿון דער מוטער מיט אַ פֿאַרצווייפֿעלטען קול, „גאָטעניו, אויב דו מוזט האָבען אַ מענשליכען קרבן טאָ נעהם מיך פֿאַר דעם קרבן אָבער היט אָפּ מיין קינד!׳ די ענגלישע ווערטער, „סייוו מיי טשיילד, מיי בייבי”, זיינען נאָך יעצט איינגעקריצט אין מיין זכּרון. איך אויך די מענשען אַרום מיר האָבען איהרע אויסגעשרייען גע־מאַכט אַ שמערצליכען איינדרוק, און פֿילע האָבען געקווייטשעט מיט באַנומענע קולות, וועהרענד עטליכע לעבען מיר זיינען גע־פֿאַלען ממש אין חלשות.

— „אויף מיר האָבען איהר געשרייען אַזוי שטאַרק געווירקט, דאָס איך האָב אין גאַנצען פֿאַרלאָרען די מורא פֿאַר געפֿאַהר און האָב באַלד באַשלאָסען נאָר איין זאַך: איך מוז ראַטעווען די מוטער מיט דעם קינד! איך האָב גוט באַגריפֿען אַז עס איז אַ לעבענ׳ס געפֿאַהר, אָבער באַהערשען זיך האָב איך ניט געקענט... איך האָב זיך אַריינגעריסען אין דאָס ברענעדע הויז, וועהרענד פֿון דרויסען האָבען זיך דערטראָגען צו מיר פֿאַרטויבענדע געשרייען פֿון די צושויער, „לאָזט איהם ניט קריכען אין געפֿאַהר... ער געהט אויף אַ זיכערען טויט”! אָבער איך האָב זיך ניט אָפּגעשטעלט, איך בין געשפּרונגען ווייטער, געקלעטערט, און זיך געראַנגעלט מיט דעם פֿייער אין שטיקענדען רויך, ביז איך האָב קוים דערשלעפּט

זיך ביז'ן פֿערטע ןשטאָק. איך האָב געפֿונען די אונגליקליכע מוטער מיט איהר קינד ליגענדיג ביי איהר זייט אויף דער פּאָדלאָגע. געשווינד האָב איך אַראָפּגעכאַפּט מיין אויבער ראָק און מיט איהם אַרומגעוויקעלט דאָס קינד, און ווען איך האָב נאָר באַרירט די מוטער, האָט זי זיך מיט אַן אימפּעט גלייך געשטעלט אויף אירע פֿיס און מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז אימיצער איז פֿאַראַן צו ראַטעווען איהר קינד, האָט דאָס איהר פֿאַרשטאַרקט מיט מוטה. צוזאַמענדרייענדיג איהרע קליידער אַזוי ווי מענער הויזען כּדי דער פֿייער זאָל איהר ניט אָנכאַפּען, בין איך אַזוי אַרויסגעקראָכען פֿון צימער טראָגענדיג דאָס קינד און די מוטער נאָכפֿאָלגענדיג מיר.

— „איך ווייס נאָך ביז איצט ניט ווי אַזוי איך האָב באַוויזען צו באַשיצען דאָס קינד און די מוטער! איך געדענק נאָר, דאָס ווען איך בין געלאָפֿען אויף די טרעפּ צום פֿערטען שטאָק זיי צו ראַטעווען בין איך געווען ווי ווילד, קיין אויסגערעכענטען פּלאַן האָב איך ניט געהאַט, נאָר געטראָגען האָבען מיר מיינע פֿיס ניט אַכטענדיג קיין געפֿאַר, און דאַך ווען איך האָב זיך געלאָזט צוריק אַרונטער די טרעפּ מיט דער מוטער און קינד בין איך געווען ביים פֿולען פֿאַרשטאַנד, איך בין געווען זייער פֿאָרזיכטיג, און מיין איינציגע מחשבה איז געווען: ניט שטעלען דאָס קינד אין געפֿאַהר. און כאָטש דער גאַנצער אויפֿטהו האָט געדויערט, ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, אַן ערך פֿון פֿינף מינוט, האָט זיך מיר עס אויסגעדוכט ווי אַן אויביגקייט...

— „איך געדענק, אַז פֿון דעם צווייטען שטאָק ביז צום ערשטען, אָדער ווי מען רופֿט עס דעם גרונד שטאָק, זיינען שוין קיין טרעפּ ניט געווען — זיי האָבען פּשוט געברענט! איך האָב אָנגענומען די מוטער פֿאַר איהר טאַליע מיט איין האַנט און מיט דער אַנדער האַנט האָב איך צוגעדריקט דאָס קינד פֿעסט צום האַרצען, באַשי־

צענדיק עס ווי אַ טייערען אוצר. אַט אַזוי האַלטענדיג זייביידען, בין איך אַריבער געשפּרונגען די פלאַמען צום ערשטען שטאָק. איך בין אַנידער געפאַלען צום דיל מיט אַ משונה׳דיגען געשריי, וואָס האָט זיך מיר ווי אין אַ נעבעל געדאַכט, אַז איך האָב די מוטער אַרויסגעלאָזט פון מיינע הענט און זי איז אין פייער אַריינגעפאַלען; אָבער צום גליק זיינען שוין די פייער-לעשער אָנגעקומען און גע-פונען אונז אַלעמען אומבאַשעדיגט. מיר דאַכט זיך, אַז מיין גאַנץ לעבען וועל איך ניט פאַרגעסען די עטליכע מינוטען פון מיין איבער-לעבונג. דערשראָקען בין איך ניט געווען, אויך ניט מיד; פאַר-קערט, איך האָב געפיהלט אַזאַ מין פרייד אין מיין הארצען, דאָס ווען איך וואָלט געהאַט נאָך צעהן נפשות צו ראַטעווען, און דורכ-געהען די זעלבע סכנות נפש, וואָלט איך עס מיט צופרידענהייט געטאָן.

— „איך האָב פילע מאָל געלעזען אין די צייטונגען ווי מאַנכע מענשען ווערען פאַרברענט אָדער דערטרונקען, ראַטעווענדיג אַנ-דערע פון פייער אָדער וואַסער. יעצט פאַרשטעה איך וואָרום עס קימערט זיי ניט פאַר זייער אייגען לעבען און שטעלען עס אין געפאַהר, ווייל ווען איינער שטעלט איין זיין לעבען אין קאָן צו ראַטעווען אַ מענשען פון זיכערען טויט, פיהלט ער זיך אַזוי גליק-ליך — אַ הייליגע גליקליכקייט — און ער קאָן זיך מעהר ניט צוריק-האַלטען. עס ציעט איהם צו ראַטעווען וואָס מעהר לעבענס, ניט אַכטענדיג אויף אירגענד וועלכער סכנה, ביז ער פאַלט אַליין אַלס קרבן... און ווייל איך האָב געפיהלט אַזוי גליקליך, האָב איך ניט געוואָלט די מענשען זאָלען מיר מאַכען קיינע אָוואַציעס. מיין באַגעהר איז געווען צו בלייבען מיט זיך אַליין. דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן, כאָטש ניט זייענדיג פרום, איז געווען אָפּצוגעבען אַ דאַנק דעם בורא עולם פאַר דעם וואָס ער האָט מיך אַזוי ווי אַלע

אַנדערע מענשען באַשאַפֿען מיט אַ געפֿיל פֿון ליבע און רחמנות צו זיין באַרייט מקריב צו זיין דעם אייגענעם לעבען פֿאַר אַנדערע. איך האָב געמאַכט די פֿאָלגענדע ברכה, וועלכע איך האָב געדענקט איז פּאַסיג פֿאַר אַזאַ פּאַסירונג: „ברוך אתה ה״ אשר ברא את האדם ויצר בו רחמים וחסד״ (געלויבט ביזטו גאָט פֿאַר באַשאַפֿען דעם מענשען מיט אינסטינקטען פֿון מיטלייד און וואָהלטהעטיג־קייט). און אַפֿילו איצט, נאָך אַזויפֿיל יאָהרען, הויב איך אויף מיינע אויגען צום הימעל און זאָג: זיי געלויבט, דו גאָט, דער רעגירער פֿון אַלע וועלטען, וואָס האָט מיר באַלוינט פֿאַר מיין גוטער טהאָט מיט דעם וואָס, ווען איך דערמאָן זיך ווי איך האָב געראַטעוועט צוויי לעבעדיגע נפֿשות פֿון אַ זיכערען טויט, פֿיהל איך זיך גליקליך און וועל פֿיהלען אַזוי כּל ימי חיי. דאָס אַליין איז מיין שכר; איך ערוואַרט גאָר ניט מעהר״.

— ווי מיר זעהן, אַלזאָ, פֿון די צוויי דערמאָנטע באַשרייבונגען, באַזיצט יעדער נאָרמאַלער מענש אַן אינסטינקט פֿון אָפּפֿערווילִיג־קייט, דהיינו: ווען ער זעהט ווי איינער ליידעט, באַקומט ער אַזאַ געפֿיהל באַוואוסט אַלס „רחמנות אינסטינקט״, און אָט דער גע־פֿיהלט צווינגט אים לייסטען הילף צום ליידענדען. אמת, עס איז דאָס אויג וואָס זעהט ווי איינער איז אין געפֿאַהר און דער אויער הערט יענעמ׳ס פּייניליכען אויסגעשריי, אָבער דאָס אויג אַזוי ווי דער אויער זיינען נאָר די פֿאַרמיטלער דורך וועלכע דער ליאַרעם דער־גרייכט צום מוח און פֿון דאָרט צו אַ פּונקט וואָס מיר רופֿען די מענשליכע נשמה וואו דער רחמנות געפֿיהל ווערט אויפֿגעוועקט.

— אַ פֿערד וועט זעהן הונדערטע פֿערד ליגען מיט צובראָכענע גלידער, אָבער אויף איהם וועט עס קיין איינדרוק ניט מאַכען, ווייל ניט ער פֿאַרשטעהט און ניט ער האָט דעם געפֿיהל פֿון רחמנות צו זיינע מיט־ברואים. אַזוי איז אויך מיט אַלע אַנדערע חיות.

מיט׳ן מענשען איז עס אָבער אַנדערש. דער מענש באַזיצט יאָ די אייגענשאַפֿט, אָדער אינסטינקט פֿון רחמנות. דאָס לערענט אונז, אַז עס איז גאָט׳ס ווילען דאָס דער מענש זאָל העלפֿען זיינע מיט־מענשען, נאָר אַנשטאָט ריידען צו איהם „פּה אל פּה”, האָט ער באַ־שאַפֿען דעם מענשען מיט דעם חוש פֿון רחמנות, און באַלד אויפֿ׳ן אָרט באַלוינט ער איהם דורך דעם וואָס דער מענש פֿיהלט דעם טעם פֿון אַ געוויסען פֿאַרגעניגען און אויך גליק ווען ער לינדערט יענעמ׳ס שמערצען. מיר מענשען העלפֿען דעם נויט באַדערפֿטיגען ניט ווייל דער פֿאַרגעניגען צווינגט אונז צו טאָן אַזוי, ניין ; נאָר ווייל מיר ווערען געצוואונגען פּשוט דורך דעם רחמנות אינסטינקט ! דער פֿאַרגעניגען קומט אַלס רעזולטאַט און אַלס באַלוינונג.

— אַזוי ווי מיר עסען, ניט ווייל מיר האָבען הנאה פֿון עצם אכילה, נאָר איימפּאַך דערפֿאַר ווייל מיר זיינען געצוואונגען צו גע־ברויכען שפּייז דיקטירט דורך דעם אינסטינקט פֿון הונגער, און דער תּענוג קומט צו אונז ממילא אַלס פּועל יוצא פֿון באַפֿרידיגען דעם הונגער — פּונקט דאָס זעלבע איז מיט דעם אינסטינקט פֿון רחמנות. מיר דאַרפֿען אָבער ניט פֿאַרגעסען, אַז כאָטש יעדער מענש ווערט געבאָרען מיט דעם אינסטינקט פֿון רחמנות, דאָך איז דער רחמנות חוש ניט ביי אַלעמען גלייך ענטוויקעלט. צום ביישפּיל : ביי פֿאַרברעכער איז דער מיטלייד געפֿיהל ניט שטאַרק ענטוויי־קעלט, אָבער דאָס קומט דורך געוויסע אורזאַכען : ערשטענס, קאָן עס זיין וואָס מאַנכע פֿון די פֿאַרברעכער זיינען גייסטיג קראַנק פֿילייכט דורך ירושה, דורך דער שולד פֿון זייערע עלטערען. צוויי־טענס, דורך שלעכטער געזעלשאַפֿט. די סיבה, וואָס קומט אין מעהרערער פֿאַלען, איז איבער שלעכטע עקאָנאָמישע אומשטענדען וועלכע ווירקען אויפֿ׳ן מענשען צו ווערען אַ פֿאַרברעכער ; דורך דעם איז שווער פֿאַר דעם רחמנות געפֿיהל זיך נאָרמאַל ענטוויק־

לען, אזוי ווי שלעכטע שפייז, למשל, ווירקט אויפ׳ן געזונד פון מענ־שענ׳ס קערפער, אבער יעדער מענש ווערט געבארען מיט א רחמנות אינסטינקט, אזוי ווי מיט אלע אנדערע אינסטינקטען, און אונטער א נארמאלער ערציהונג ווירקט דער מיטלייד געפיהל אויף דעם מענשען אזוי, אז ער איז יא פעהיג אפילו מקריב צו זיין זיין לעבען פאר אנדערע.

— אט די אלע פאקטען באווייזען, אז כאטש גאט האט צו קיינעם ניט גערעדט פה אל פה, האט ער אבער באשאפען דעם מענשען מיט פיינערע געפיהלען ווי די חיה, און דורך די גע־פיהלען רעדט ער, גאט, צום מענשען. און ניט נאר באווייזט זיך גאט צו יעדען יחיד דורך דעם רחמנות געפיל, נאר צו מאנכע אין א פיעל שטארקערער פארמע, און זיי ווערען אונזערע גייסטיגע פיהרער און וועג ווייזער פון גערעכטיגקייט און ערהאבענע אידע־לען, ווי משה רבינו, ישעיה הנביא, א לינקאלען און אונזער ערשט־פארשטארבענער פרעזידענט רוזוועלט, און נאך אנדערע. זיי אלע פארשטעהן גאט׳ס רייד דורך זייערע שטארקע חושים פון יושר און גערעכטיגקייט, וועלכע ווירקען אויף זיי אזוי שטארק, פיל שטארקער ווי אויף דעם דורכשניטליכען מענשען.

— אזוי אויך באווייזט זיך אט דער געטליכער געפיהל צו גרויסע דאקטוירים, וואס מיט זייערע חושים פון ליבע צו דער מענשהייט זיינען זיי מקריב זייער געזונד און פילע מאל אפילו זייער לעבען כדי אויסצוגעפינען די אורזאכע פון פארשידענע קלעפיגע און סתם געפערליכע חולאית׳ן, און דורך דעם פארלענגערען זיי דאס לעבען פון דער מענשהייט.

— אויך באווייזט זיך די געטליכקייט צו די אלע וועלכע פאר־גרינגערען דעם מענשענ׳ס ארבייט דורך ערפינדונגען, ווי למשל: א פולטאן, בעלל, עדיסאן, מארקאני א. ז. וו. זיי זיינען די גוטע

שלוחים וואָס מיט זייער דאָ זיין ברייגגען זיי גליק פֿאַר דער גאַנצער מענשהייט, און די וועלט אַנערקענט און אַכטעט זיי, און זייער אַנערקענונג ווערט דערמאָנט מיט ליבע און כּבֿוד פֿאַר טויזענדע, טויזענדע דורות. אָבער ניט אַזוי איז מיט די פֿאַלשע נביאים — די לומפּען און מערדער פֿון דער מענשהייט. זיי טוען ניט גאָט׳ס ווילען; זיי זיינען גייסטיג־קראַנקע און מאָראַליש פֿאַרדאָרבען; זיי וועלען תּמיד דערמאָנט ווערען מיט עקעל און מיט אַ קללה אויף יעדענ׳ס ליפּען. אַט די המנס, נעראָן, קייזער, קאַליגולאַ, און זייערע תּלמידים מוסאָליני, היראָיטאָ און דער גרעסטער אכזר און וועלט אַנצינדער היטלער, ימח שמו וזכרו...

— יעצט קומען מיר צו דער פֿראַגע: ענטפֿערט גאָט צו די וואָס בעטען און זיינען מתפּלל צו איהם? איך וועל דערויף דערציילען אייך אַ קליין מעשה׳דע:

— אַ פֿאָטער האָט צוגערופֿען זיין בן יחיד און איהם געזאָגט: „זון מיינער, איך פֿאַר אַוועק אין אַ ווייט לאַנד און דו וועסט מיך קיינמאָל מעהר ניט זעהן! אָבער זאָלסט וויסען זיין, אַז איך האָב דיך פֿאַרזאָרגט מיט אַלעם וואָס די באַנויטיגסט פֿאַר דיין גאַנצען לעבען. איך לאָז דיר איבער פֿרוכט־בוימער מיט צייטיגע פּירות, שטאָפֿען פֿאַר קליידער, שיך און אַלע אַנדערע נויטיגקייטען. אַלעס וועסטו האָבען; איך, דיין פֿאָטער, האָב דיך מיט אַלעם באַצייטענס באַוואָרענט". דאַן האָט פֿון איהם זיין פֿאָטער אָבשייד גענומען.

— יעצט פֿרעגט זיך: וואָס וואָלט איהר געדענקט פֿון דעם זון נאָכדעם ווען זיין פֿאָטער האָט איהם מיט אַלעם גוטעם פֿאַר־זאָרגט, זאָל ער, דער זון, יעדען טאָג, און אָפֿטמאָל דריי מאָל אַ טאָג, שרייען און בעטען זיין פֿאָטער ער זאָל איהם העלפֿען ווייל ער, דער זון, האָט ניט קיין בגד אויפֿן קערפּער און אויך ניט קיין עסען צו

זאַט? אַזוי איז אויך מיט דער מענשהייט. גאָט האָט פֿאַרזאָרגט דעם מין מענש מיט אַלעם וואָס ער באַנוציגט זיך. ער האָט פֿאַר דער מענשהייט באַשאַפֿען אַ גרויסען ערד־קוגעל מיט גענוג פּלאַץ פֿאַר יעדען איינעם צו לעבען באַקוועם; אויך פּרוכטען, ירקות, פּעטע ערד פֿאַר פֿאַרשידענע תּבואות, וועלדער, בלומען, טייכען און ימים, און אַלעם מיט וואָס די מענשהייט קאָן זיך פֿיהלען גליק־ליך. ער האָט ניט געוואָרט ביז דער מענש וועט איהם בעטען, ער האָט פֿון קיינעם ניט געפֿאָדערט מען זאָל לויפֿען דריי מאָל אַ טאָג אין שול אַריין תּפֿילה טאָן אויף פּרנסה, פּונקט אַזוי ווי ער האָט ניט געפֿאָדערט פֿון די פֿריהערדיגע דורות צו ברייננגען איהם מענשליכע קרבנות, און אויך ניט טהירישע קרבנות. ער האָט אונז מיט אַלעם פֿאַרזאָרגט, אונז אויך געגעבען שכל צו ערפֿינדען מאַשי־נען אום צו פֿאַרלייכטערען אונזער עקזיסטענץ און ניט דאַרפֿען אַרבייטען שווער.

— מיר, אַנשטאָט אויסצונוצען זיין ברכה און צוטהיילען אויף אַ יושר'דיגען וועג אַלעם מיט וואָס ער בענשט אונז יעדען יאָהר מיט אַ פֿולער האַנט, ערלויבען מיר אַ סיסטעמע אין וועלכער נאָר אַ קליינע צאָל מענשען פֿאַרכאַפּען אַלעם פֿאַר זיך אונטער פֿאַלשע פּרעטענזיעס, ווי למשל, „עס איז גאָט'ס ווילען אַז איינער זאָל זיין רייך און אַ סך אַנדערע אָרים"; אָדער „יענער איז געבאָרען גע־וואָרען אין אַ מזל'דיגער שעה", וועהרענד די גרעסטע טהייל מענ־שען ליידען הונגער און נויט. מיר אַליין ערלויבען אַ סיסטעמע, וואו די שונאים פֿון פֿאָלק פֿאַרניכטען פֿילע לעבענס מיטלען בלויז דערפֿאַר כּדי זיי, די פּריווילעגירטע, זאָלען קענען באַראַבעווען דאָס פֿאָלק דורך העכערען די פּרייזען אויף אַלעם וואָס די געזעלשאַפֿט געברויכט פֿאַר איהר דרינגענדער עקזיסטענץ, און אַזוי אָרים ווערען די פֿאַרכאַפּער רייכער פֿון פֿאָלק'ס פּראַצע, שוויים און בלוט. פֿרעג

איך: וואָס האָט גאָט אונז צו ענטפערען אויף די תּפילות? איז עס דען גאָט'ס שולד ווען מיר דערלאָזען צו אזא אומרעכט?

— וואָס מיר דאַרפען טאָן איז ניט באַשולדיגען גאָט אין אזעל־כע צרות; ניט לויפען אין שול אַריין בעטען אויף פרנסה, „לחם לאכול ובגד ללבוש", אַזוי ווי יענער זון האָט געשריען צו זיין פאָטער וואָס האָט איהם מיט אַלעם פאַרזאָרגט, ווייל, ווי געזאָגט, האָט דאָך גאָט אונז פון אַלעם געגעבען ניט פאָדערענדיג פון אונז איהם צו בעטען. וואָס מיר דאַרפען איז אַ „ניו דיעל", אַ נייע האַנדלונג, אַ נייעם וועג, צו זעהן אַז אַלעם וואָס גאָט גיט אונז זאָל צוטיילט ווערען צו יעדען נאָך זיין פּראָדוקציאָנס פעהיגקייטען, און דאָן וועלען מיר אויך קומען אין בית התּפילה צו דאַנקען, יאָ צו דאַנקען איהם, פאַר דער שעהנער און באַקוועמער וועלט וואָס ער האָט פאַר אונז באַשאַפען. און דאַנקען וועלען מיר איהם טראָץ דעם וואָס ער פאָדערט אַפילו קיין לויבגעזאַנג ניט פון אונז; מיר וועלען עס טאָן מיט אונזער פרייען ווילען.

XI

בן שלמה'ס לעצטע פראַגע:

— אַננעמענדיג ווי בן צבי האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט די מענש־הייט מיט אַלעם באַוואָרענט, און די אַלע צרות פון וועלכע די וועלט ליידעט, ווי הונגער, קראַנקהייט, מלחמות וכדומה, זיינען דעם מענשען'ס שולד, ווייל ער דולדעט אַזאַ סיסטעמע וואָס פיהרט צו די אַלע ליידען, און אויך אַז אַלע נאַטור געזעצען וועלען פון גאָט ניט געענדערט ווערען, ווייל ער, אַלס גאָט, האָט באַשאַפן די וועלט מיט דער גרעסטער פאָלקאָמענהייט פאַר דעם קיום העולם, פרעג איך: היות ווי אַלעם וואָס ער האָט באַשאַפען אין דער וועלט האָט ער, הייסט עס, זיינס שוין אָפגעטאָן, און דאָס וואָס עס דאַרף

געטאָן ווערען כּדי די מענשהייט זאָל זיך פיהלען גליקליך און צו־פרידען בלייבט איבער פאַר דער מענשהייט צו פאַרענדיגען, נעמ־ליך, איינפירען אַ מעהר יושר'דיגע עקאָנאָמישע סיסטעמע, — הייסט עס דאָך, אַז אין בעסטען פאַל האָט ער, גאָט, מעהר מיט דער וועלט גאָר ניט צו טאָן און מיט דער מענשהייט קיינע עסקים, בלייבט פאַר דער גאַנצער מענשהייט פון איהם קיין זאַך ניט צו ערוואַרטען, — טאָ אויף וואָס דאַרפען מיר איהם? און וואָס פאַר אַ נוצען ברענגט ער אונז?

בן צבי'ס לעצטער ענטפער:

— טייערע צוהערער: מיר ווייסען, אַז וואַסער ענטהאַלט צוויי עלעמענטען, נעמליך, וואַסער־שטאָף און זויער־שטאָף. דיזע צוויי עלעמענטען, ווען מען באַהעפט צוזאַמען אין אַ געוויסער פּראָ־פּאָרציע, פאָרמירען זיי וואַסער. ווען דער כּעמיקער זאָל די אויבן דערמאָנטע צוויי עלעמענטען אָפּשיידען פון דער וואַסער בלייבט יעדער עלעמענט באַזונדער און דאָס וואַסער פאַרשווינדט. יעצט, ווי עס איז פאַרשטאַנען געוואָרען, האָט דער „מקור החכמה" באַ־שאַפען די וועלט פון גאָרניט. אַ „יש מאין", זיין „ווילען" איז דאָס געווען און איז דער „עלעמענט" וואָס אַ דאַנק איהם האָט אַלעס אַ קיום. די זון האָט איהר פּלאַץ און צייט; די לבנה, די פּלאַנעטען, שטערען א. ז. וו. האָבען זייער צייט און פּלאַץ. דורך זיין עלעמענט, דער „ווילען", דורך וועלכען אַלעס ווערט געפיהרט און רעגירט. דאָס קערענדעל גיט אַרויס אַ בוים מיט פרוכט און די באַשעפעני־שען מעהרען זיך אויך דורך זיין „עלעמענט", דער „ווילען". דער־פאַר מאַכט בן שלמה אַ טענות ווען ער דענקט, „אַזוי ווי גאָט האָט שוין אַלעס אָפּגעטאָן, דאַרפען מיר איהם שוין מעהר ניט". ווען גאָט זאָל צונעמען צוריק זיין עלעמענט דעם „ווילען", וואָלט דאָן די וועלט פאַרשווינדען אַזוי ווי דאָס וואַסער, ווען דער כּעמיקער

נעמט אוועק די צוויי עלעמענטען וואסער־שטאָף און זויער־שטאָף. (אַ באמערקונג — ווען איך רוף גאָט'ס „ווילען" אַן עלעמענט, איז עס נאָר „לשמע את האזן", דורך גאָט'ס ווילען עקזיסטירט דער גאַנצער אוניווערזום און אַלעס ווערט געפיהרט סיסטעמאַטיש. אַלע נאַטור געזעצען אַרבייטען פּאָלקאָמען. „כי חוק וזמן נתן להם שלא ישנו את תפקדם", ווייל מיט אַ געזעץ און באַשטימטע צייט האָט ער זיי פאַרפּליכטעט, כּדי זיי זאָלען אויספּילען זיין באַפעל). דאָס אָבער קאָן נאָר דאַן דורכגעפירט ווערען ווען דער באַשעפער איז מיט אונז...

* * *

— איך האָב געלעזען אַ בוך "די צייכנונג פון מענשען'ס וויסען" פון קלעמענט וואוד,

"The Outline of Man's Knowledge" by Clement Wood

אויף זייטע 553, אונטער דעם קעפּעל „עס איז נישטאָ קיין גאָט", שרייבט ער: „עס איז ניטאָ קיין באַווייז אַז עס איז פאַראַן שכל אין דעם אוניווערזום ביז מיר דערגרייכען דעם מענשען". און ער ברייננגט דאָרט אַ מיינונג פון לעסטער וואַרד, אַ באַוואוס־טער דענקער. ער שרייבט: „דער שכל דאַרף דייטליך צוגעשריבען ווערען צו דער „בריאה" (באַשעפעניש) אָבער ניט צום „בורא" (באַשעפער), ווייל דער שכל געפינט זיך נאָר אין מענשען אָבער ניט אין דער נאַטור". די נאַטור, זאָגט ער, „מיט אַלע איהרע אונ־באַגרעניצטע מיטלען, פּראָדוצירט אַזאַ גרויסען איבערפלוס אין אַלץ און פאַרלאָזט זיך אויף דאָס אַרומיקע אויסצוקלייבען דאָס נויטיקסטע פאַר יעדענס עקזיסטענץ, ווערענד דאָס איבעריגע געהט אין ניוועץ... „דהי סוירוויווועל אָן די פּיטעסט" (כל דאלים גובר) איז אַ סדר וואָס איז פון גרעסטען ניוועץ: די איינציגע אמת'ע

שפּאַרזאַמקייט איז מיט אַ צוועק, נאָר דער שכל אַליין זעהט פאַר־אויס דעם סוף און פאָלגט נאָך די ערשיינונגען וואָס קומען פאָר אין דער נאַטור!

— „עס האָט געדויערט פינף מיליאָן יאָהרען צו ענדערען די פיער פערטעל קאַפּיטאַ פון דעם אורשפּרינגליכען פערד צו איין קאַפּיטאַ, און אין אַ דור האָט דער מענשליכער שכל ערפונדען און פאַרפאָלקאָמט די דאַמפשיף, אייזענבאַהן, טעלעפאָן און לופטשיף, ראַדיאָ וכדומה. דאָס אַלעס באַווייזט, אַז אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין שכל".

מיין ענטפער:

— מיר זעהן, אַז אפילו ביי גרויסע געלעהרנטע פעהלט מאַנ־כעס מאָל לאָגישקייט. שטעלט זיך פאַר ווען איינער וויל באַווייזען, אַז אַן אונוויסענדער מענש באַזיצט מער שכל ווי אַ געבילדעטער, און צו באַשטעטיגען זיין באַהויפּטונג ברענגט ער דעם פאָלגענדען פאַקט: עדיסאָן, זאָגט ער, „האָט פאַרטאַכלעוועט יאָהרען און יאָהרען ביז ער האָט ערפונדען דעם פאָנאָגראַף, און ביי אַ שוסטער נעמט ניט מער ווי פינף מינוט צו לייגען אַ לאַטע אויף אַ שוך". דאַרום קומט ער צום באַשלוס, אַז דער שוסטער באַזיצט מעהר אינטעליגענץ ווי עדיסאָן, ווייל ער, דער שוסטער, פאַרשווענדט ניט אַזויפיל צייט ווי אַן עדיסאָן.

— אויב מר. לעסטער וואָרד וויל באַווייזען, אַז דאָס באַשעפע־ניש, דער מענש, באַזיצט שכל און ניט דער באַשעפער, און ברענגט דעם פאַקט ווי דער באַשעפער האָט פאַרניצעוועט פינף מיליאָן יאָהרען צו ענדערען די פיער פערטעל קאַפּיטאַ פון דעם אור־שפּרונג פערד צו איין קאַפּיטאַ, וואָלט עס נאָר דאַן געווען אַ לאָגישע ראיה, ווען ער וואָלט קענען באַווייזען אַז דער מענש מיט זיין שכל קאָן עס ענדערען אין ווינציגער ווי פינף מיליאָן יאָהרען...

אין דער אמת'ן איז עס דאָך ניט אַזוי: דער מענש מיט זיין גרויסען שכל קאָן עס ניט ענדערען אַפילו אין פינף מאָל פינף מיליאָן יאָהרען. נאָך מעהר, דאָס וואָס עס האָט געגומען ביים מענשען אַ דור צו ערפינדען און פאַרפאָלקאָמען דעם טעלעפאָן, טעלעגראַף, לופטשיף און ראַדיאָ, דאַרפען מיר אָבער ניט פאַרגעסען, אַז אַפילו די אַלע ערפינדונגען זיינען באַזירט אויף די נאַטור געזעצען וועלכע דער באַשעפער האָט פאַרמירט!

— וואָס מעהר דער מענש געפינט אויס, ווי אַזוי עס אַר־ביטען די נאַטור־געזעצען, דעסטאָ מעהר איז עס מעגליך פאַר איהם צו פאַרפאָלקאָמען זיינע ערפינדונגען. איז אויב דער מענש מיט זיין גאַנצען שכל מוז נאָכפאָלגען די נאַטור־געזעצען כדי זיינע טע־לעפאָנס, טעלעגראַמס און ראַדיאָס זאָלען אַרבייטען פאָלקאָמען, וואָס דאָס איז אַ נאָכמאַכונג פון די נאַטור־געזעצען, — הייגט וויפיל מעהר שכל באַזיצט דער בורא וואָס האָט באַשאַפען די נאַטור־געזעצען זעלבסט, וואָס זיינען דער רעזולטאַט פון זיין חכמה און ווילען!?!

— דער סך הכל פון מיינע אני מאמינ'ס:

א) איך גלויב, אַז דער באַשעפער באַזיצט אַ באַוואוסטזיין און גלויב ניט, אַז ער איז ווי די נאַטור בלינד, טויב און שטום.

ב) איך גלויב, אַז גאָט האָט געהאַט אַ פאָראויס־גערעכענטען פּלאַן ווי אַזוי די וועלט צו באַשאַפען, און ווי אַזוי זי זאָל זיך ענטוויקלען. איך גלויב ניט, אַז די וועלט האָט זיך ענטוויקעלט דורך צופעלע, ווי מאַנכע דענקען.

ג) איך גלויב, אַז גאָט באַזיצט אַ פרייען ווילען און די וועלט מיט אַלע איהרע נאַטור־געזעצען אַרבייטען נאָך זיין ווילען.

איך גלויב ניט, ווי מאַנכע דענקען, אַז די וועלט פֿיהרט זיך אַזוי, ניט ווייל עס איז גאָט׳ס ווילען, נאָר ווייל ער איז ניט ביכולת אַנדערש צו פֿיהרען...

— און דאָ וויל איך נאָך געבען אַ קליינעםביישפּיל: אַ זייגער מאַכער האָט געמאַכט אַ זייגער צו קלינגען יעדע שטונדע, און אַזוי איז געווען — יעדע שטונדע האָט דער זייגער געקלונגען. די פֿראַגע שטעלט זיך: צי קאָן דער זייגער־מאַכער מאַכען דעם זייגער קלינגען צוויי מאָל אין אַ שטונדע אַנשטאַט איין מאָל? דער ענטפֿער אויף אַזאַ פֿראַגע איז: געוויס קאָן ער, אָבער דאַן וואָלט ער, דער זייגער־מאַכער, צוזאַמענגעשטעלט דעם מעכאַניזם פֿון זייגער אויף אַן אַנדער אופֿן ווי ער האָט איהם צוזאַמענגעשטעלט איצט. דער ווילען פֿון מייסטער איז געווען דער זייגער זאָל קלינגען יעדע שטונדע, האָט ער געהאַט זיין פֿאָראויס־גערעכענטען פּלאַן צוזאַמען צו שטעלען דעם מעכאַניזם אַזוי אַז דער זייגער זאָל טאָן דעם מייסטער׳ס ווילען. דער מייסטער דאַרף זיך ניט באַהעפֿטען, און ניט אויפֿגעלעזט ווערען אין זיין ווערק, דעם זייגער. עס איז פּשוט און פּראָסט גאַנץ פֿאַרשטענדליך. דעם מייסטער׳ס ווילען איז געווען צו מאַכען דעם זייגער קלינגען יעדע שטונדע, און מיט דעם וואָס דער זייגער קלינגט טאַקע יעדע שטונדע פֿאָלגט ער אוים דעם ווילען פֿון מייסטער.

— יעצט וועלען מיר געהן ווייטער. מיר זעהן, אַז די ערד באַוועגט זיך אַרום דער זון פֿון מערב צו מזרח. די פֿראַגע שטעלט זיך, ווי בן שלמה וואָלט זי געשטעלט: „צי גאָט איז ביכולת צו מאַכען די ערד זיך באַוועגען אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג, נעמליך, פֿון מזרח צו מערב, אָדער גאָר פֿאַרניכטען די זון און אַלע פּלאַנעטען זאָלען בלייבען אין באַוועגונג ווי פֿריהער? דער ענטפֿער איז: גאָט קאָן אַלעס. און געוויס קאָן ער מאַכען די ערד זיך

באוועגען אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג, אָבער דאַן וואָלט ער באַ־שאַפֿען אַנדערע נאַטור־געזעצען, ווייל זיין רצון איז דאָך געווען אַז די ערד און אַלע אַנדערע פּלאַנעטען און זונען זאָלען זיך באַוועגען אַזוי ווי זיי באַוועגען זיך איצט. האָט ער נאָך אַ פֿאַראויס־גערעכענטען פּלאַן באַשאַפֿען אַזעלכע נאַטור־געזעצען כּדי צו פֿאַר־ווירקליכען זיין ווילען.

— איך גלויב, אַז איך האָב דאָ דייטליך אַרויסגעבראַכט, אַז עס איז ניט ווי מאַנכע דענקען, אַז די וועלט פֿיהרט זיך אַזוי ווייל גאָט קאָן זי אַנדערש ניט פֿיהרען. ער, גאָט, זאָגען זיי, איז צוזאַמען באַהעפֿט מיט די נאַטור־געזעצען און האָט מעהר קיין קאָנטראָל איבער זיי און האָט פֿאַרלאָרען זיין „יחידות". נאָך מיין מיינונג, ווי איך האָב פּרובירט באַווייזען, איז: אַז גאָט וועט טאַקע ניט איבערבייטען די נאַטור־געזעצען, אָבער ניט ווייל ער איז ניט ביכולת דאָס צו טאָן, נאָר ווייל זיין ווילען איז געווען צום אָנפֿאַנג אַז די וועלט זאָל זיך פֿיהרען און באַוועגען אַזוי ווי זי איז איצט, האָט ער דורך אַ פֿאַראויס־גערעכענעטען פּלאַן באַשאַפֿען אָט די אַלע נאַטור־געזעצען צו פֿאַרווירקליכען זיין ווילען און ער איז געבליבען דער „יחיד".

— ליבע לעזער: איך וויל אייך דערמאָנען, אַז אין אָנפֿאַנג פֿון דעם בוך האָב איך אייך געלאָזט וויסען אַז איך פּרעטענדיר ניט צו זיין אַ פֿילאָזאָף, אָדער אַ הויך געלערנטער מענש, נאָר איך וועל פּרובירען אויף אַ פּשוט'ן לאָגישען אופֿן, נאָך דער לאָגיק פֿון „עמך", צו פֿאַרענטפֿערען די אייביגע פֿראַגע, און דערפֿאַר, ווי איהר האָט מסתמא באַמערקט, האָב איך ניט אָנגענומען די לעהרע פֿון אַזאַ גרויסען פֿילאָזאָף ווי ברוך שפּינאָזאַ, ווייל מיין פּשוט'ער לאָגישער שכל קאָן ניט באַגרייפֿען אַז גאָט איז ניט קיין „יחיד" און מוז טאָן זאַכען ניט ווייל עס איז זיין ווילען, נאָר ווייל ער קאָן אַנדערש ניט.

איך האָב פּרובירט נאָך מיין פּשוט׳ן שכל ערקלערען וואָרום איך דענק, אַז גאָט איז יאָ אַ יחיד און אַלעם פיהרט זיך נאָך זיין ווילען. איצט האָב איך נאָך עפּעס צו באַהויפּטען, אָבער אויך דאָ וועל איך קיין מיינונגען פון אויטאָריטעטען ניט אָננעהמען, סיידען עס וועט זיך מיר לייגען אויף מיין פּשוט׳ן שכל.

— מיר ווייסען, אַז די גרויסע רעליגיעזע אידען, ווי רבנים, רביים און גלאָט אַזוי פרומע לייט, גלויבען אַז גאָט איז יאָ אַ „יחיד". זיי זאָגען „הוא יחיד ואין יחידות כמוהו", און אויך איז ער, גאָט, אַ בעל רחמים און איז פול מיט ליבע צו זיינע באַשעפענישע. דאָס איז פאַר מיר גאַנץ לאָגיש און פאַרשטענדליך, אָבער ווען זיי זאָגען, „ער, גאָט, הערט זיך צו און ענטפערט צו די וואָס בעטען איהם אין אַן עת צרה" און ער שיקט זיי אַ רפואה שלימה ווען זיי זיינען מתפלל צו איהם, דאָס לייגט זיך ניט אויף מיין שכל: ניט דערפאַר ווייל איך דענק, אַז דער באַשעפער פון דער וועלט איז ניט גרוים גענוג און איז ניט ביכולת דאָס צו טאָן; ניין! גראָדע דערפאַר ווייל איך גלויב באמונה שלימה אין זיין גרויסקייט און אין זיין ערהאַ־בענטקייט. דערפאַר איז עס געגען מיין לאָגיק צו פאַרשטעהן עס. און אָט וואָרום:

— גאָט האָט באַשאַפען דעם מענשען מיט פאַרשידענע אברים און יעדער אבר האָט זיין אַרבייט צו טאָן. ער האָט באַשאַפען דעם מענשען מיט לונגען כּדי ער זאָל האָבען מיט וואָס צו אָטהעמען. און אַזוי ווי גאָט איז אַן „אל מלא רחמים" און פול מיט ליבע צו אַלע זיינע באַשעפענישע, האָט ער אונז פאַרזאָרגט מיט גענוג ריינע און געזונטע לופט פאַר די לונגען, און ווען דער מענש אַרבייט אין אַ סוועט־שאַפּ צוועלף אָדער פופצעהן שטונדען אַ טאָג עטליכע יאָהר צייט און אָטהעמט אַריין אין זיינע לונגען אַנשטאָט ריינע לופט פאַרפעסטעטע און פול מיט באַקטעריען און קריגט שווינד־

זוכט, נאָכהער געהט ער בעטען גאָט ער זאָל איהם צושיקען אַ רפואה. איך שטעל מיר פֿאָר וואָס גאָט וואָלט איהם ענטפֿערן: „קינד מיינס, דו וויינסט און בעטסט מיך איך זאָל דיר איצט צו־שיקען אַ רפואה שלימה, פֿרעג איך דיר: ווען דו טרייבסט אַן אויטאָמאָביל און אָנשטאָט אָנפֿילען דעם טענק מיט גאַזאָלין, מעג־ליך צו מאַכען דעם אויטאָמאָביל זיך צו באַוועגען, פֿילסטו איהם אָן מיט וואַסער און גוטע און פֿרומע לייט זאָגען דיר געה אין שול און בעט גאָט ער זאָל מאַכען דיין אויטאָמאָביל לויפֿען מיט וואַסער אָנשטאָט גאַזאָלין, פֿאַרשטעהט זיך, אַז דו וואָלסט אַזאַ נאַרישקייט ניט געטאָן, ניט דערפֿאַר ווייל דו גלויבסט ניט אין מיין גרויסקייט און שטאַרקייט נאָר גאַנץ פּשוט, דער אויטאָמאָביל איז געמאַכט געוואָרען אַזוי, אַז אום ער זאָל זיך באַוועגען, מוז מען איהם אָנ־פֿיהלען מיט גאַזאָלין, און כאָטש דו גלויבסט אַז איך, גאָט, קאָן אַלעס טאָן, דאָך ווײסטו ניט דענקען אַז איך וועל ווערען אַ שוואַרץ־קינצלער און באַווייזען קונצען. טאָ וואָרום בעטסטו מיך איצט איך זאָל באַווייזען אַ קונץ און דיך אויסהיילען? איך האָב דיך באַשאַפֿען מיט לונגען צו אָטהעמען ריינע, פֿרישע און געזונטע לופֿט כּדי דו זאָלסט זיין געזונט און האָב דיך פֿאַרזאָרגט מיט אָט דער לופֿט, טאָ וואָרום האָסטו געבראָכען מיין געבאָט און אָנגעפֿילט דיינע לונגען מיט אונריינע און פֿאַרפֿעסטעטע לופֿט? אַזוי ווי דיר, מענש, איז פֿאַרבאָטען צו טאָן אַן אונרעכט צו דיינע מיטמענשען, אַזוי טאָרסטו ניט טאָן קיין אונרעכט צו זיך אַליין. דאָס אונרעכט, וואָס דו טוסט צו זיך, זאָלסטו זיכער זיין אַז דיין שטראָף איז אונ־פֿאַרמיידליך, ווייל איך האָב באַשאַפֿען געוויסע נאַטור־געזעצען דיך אויסצוהיטען פֿון קראַנקהייטען, און ווען דו ברעכסט אָט די געזעצען מוזטו ליידען". יאָ, מיינע פֿריינדע, ווען אַ מענש עסט ניט קיין נאַרהאַפֿטיגע שפּייז, טרינקט שעדליכע געטראַנקען און

אַטהעמט איין שלעכטע לופֿט, מיט איין וואָרט, ער פֿאָלגט ניט נאָך די געזעצען פֿון דער נאַטור, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿען פֿאַר דעם מענשענ׳ס טובה וועגען, וועט ער קריגען זיין פֿאַרדינטע שטראָף און קיינע תּפֿילות וועלען איהם ניט העלפֿען, ווייל גאָט וועט ניט ווערען קיין קונצען־מאַכער צו מאַכען איהם געזונד נאָך דעם ווי זיינע לונגען זיינען צופֿרעסען געוואָרען פֿון שווינדזוכט באַקטעריען, אַזוי ווי ער וועט ניט ווערען קיין קונצען־מאַכער און מאַכען דעם אויטאָמאָביל לויפֿען מיט וואַסער אַנשטאָט גאַזאָלין.

— אָט דאָס איז די אורזאַכע וואָרום עס לייגט זיך מיר ניט אויף מיין שכל, אַז גאָט העלפֿט די וואָס טוען תּפֿילה צו איהם פֿאַר הילפֿע. די תּפֿילות צו גאָט דאַרפֿען נאָר ענטהאַלטען דאַנק־באַרקייט פֿאַר אַלעס וואָס ער פֿאַרזאָרגט אונז צוליב אונזער עק־זיסטענץ, כאָטש ער פֿאָדערט דאָס אויך ניט פֿון אונז, נאָר אונזער איידעלקייט פֿאָדערט איהם צו דאַנקען. דערפֿאַר דענק איך, אַז עס איז זעהר שעהן ווען מען לערענט אונזערע אידישע קינדער־לעך צו מאַכען אַ ברכה אויף פּירות, מאכלים און פֿאַרשידענע געטראַנקען. אַ קינד דאַרף וויסען, און מיר עלטערע דאַרפֿען ניט פֿאַרגעסען, אַז מיט אונזער גאַנצער חכמה און וויסענשאַפֿט קענען מיר ניט מאַכען פֿון אַ קערענדעל אַ בוים מיט עפּעל, באַרנס, פֿלוימען, וויינטרויבען וכדומה, חוץ דורך גאָט׳ס ווילען אַליין.

— אמת, דער מענש וואָס איז קראַנק קאָן איבערפֿרעגען דעם רבש״ע: „וואָס בין איך שולדיג וואָס איך אַרבעט אין אַ סוועט־שאָפּ? די נויט האָט מיך געצוואונגען, ווייל איך האָב געמוזט פֿאַר־זאָרגען מיין פֿרוי און קינדער מיט פּרנסה״. אויף דער פֿראַגע איז דער ענטפֿער אַ פּשוט׳ער: אַלע בריאות אויף דער וועלט האָט גאָט באַשאַפֿען מיט געוויסע אינסטינקטען און זיי, די אינסטינקטען, באַשיצען אַלע חיות. אַ פֿערד איז צוריק מיט טויזענדע יאָהרען

געוועזן, און שפּעטער מיט טויזענדע בלייבען, דער זעלבער פּערד מיט די זעלבע אינסטינקטען איהם צו באַשיצען. אָבער דעם מענשען האָט גאָט באַשאַפען חוץ זיינע אינסטינקטען אויך איהם געמאַכט פאַר אַ „מעט מאלהים", ער, דער מענש, איז פעהיג פילע זאַכען אַליין אויסבעסערען. דער אונטערשיד פון מיר און בן שלמה איז, וועהרענד ער גלויבט ניט אין אַ גאָט, און דענקט אַז נאָר מיר, די מענשהייט, קענען אויסבעסערען און פאַרפיינערען די וועלט און מיר קענען זיך באַגעהען אָהן אַ גאָט, אַפילו ווען ער וואָלט יאָ עקזיסטירט, איז אָבער מיין איבערצייגונג, אַז אום צו מאַכען אַ בעסערע אונבאַקוועמערע וועלט, מוזען מיר לעבען אַ נאַטירליך און מאָראַליש לעבען נאָך די געזעצען וועלכע זיינען די קעבאָטען וואָס גאָט האָט באַשאַפען פאַר אונזער טובה וועגען, צוליב אונזער עקזיסטענץ ער איז דער באַשעפער, ער איז דער אָנפאַנגער, ער איז דער „אשר ברא אלהים", און מיר זיינען די „לעשות", מיר פאַרענדיגען וואָס גאָט האָט אָנגעפאַנגען. ער, גאָט, באַשאַפט די „פרי הגפן", און מיר ענדיגען, מיר מאַכען דעם וויין. ער באַשאַפט די תבואות, מיר צומאַלען עס אויף מעהל און באַקען ברויט. ער באַשאַפט פאַרשידענע פרוכטען, מיר מאַכען פון זיי פאַרשידענע מאכלים און געטראַנקע; ער באַשאַפט ארץ, מיר מאַכען פון דעם אייזען און שטאָל. יאָ, ער באַשאַפט און מיר פאַרענדיגען זיין אַרבעט. און ווען מענשען אַרבעטען אין שעפער וואו עס עקזיסטירען ניט קיין ריינע צושטענדע און דער אַרבייטער איז אַליין ניט ביכולת זיך צו העלפען, זאָל ער געהערען צו אַן אַרבייטער אָרגאַניזאַציע און קעמפען פאַר בעסערע באַדינגונגען, וועלען זיי האָבען ריינערע לופט, קירצערע אַרבייטס שטונדען און העכערען אַרבייטס-לוין. און אַזוי קאָן אויך פאַרבעסערט ווערען די עקאָנאָמישע סיסטעמע וואָס זאָל זיין באַזירט אויף יושר און מענשליכקייט. מיר

מענשען זיינען די וואָס אויף אונז איז חל די פֿליכט אויסצובעסערן די וועלט פֿאַר אַלעמען. און אויך דאָ האָט גאָט אונז באַשאַפֿען מיט שכל צו וויסען דעם אונטערשיד „בין טוב לרע", און מיר דאַרפֿען אויסנוצען אָט דעם שכל פֿאַר אויסבעסערן די וועלט אויף יסודות פֿון יושר און צדק.

— און יעצט וויל איך אויך זאָגען אַ פּאָר ווערטער צו די וואָס זאָגען, אַז רעליגיע פֿאַרשקלאַפֿט דעם מענשענ'ס גייסט אי'ן פֿאַרפֿינסטערט זיין מוח. איך דענק, אַז דער מענש, וואָס באַזיצט אַן אידעאַל און איז איבערגעגעבען מיט דעם גאַנצען הארצען צו די פּרינציפּען פֿון זיין אידעאַל, ווערט עס זיין רעליגיע, און דאַן איז ער ניט פֿאַרשקלאַפֿט; פֿאַרקערט, וואָס מעהר ער איז רעליגיעז אין זיין אידעאַל און פֿאָלגט נאָך זיינע געבאָטען, כאָטש פֿילע מאָל איז ער געצוואונגען צו אָפּפֿערן מיט זיינע אינטערעסען און באַקוועמליכקייטען, אַלץ פֿרייער איז זיין גייסט. מיר דאַרפֿען ניט פֿאַרגעסען דעם גרויסען אונטערשיד פֿון פֿרייהייט און הפֿקרות. איך וועל דייטליכער ערקלערען וואָס איך מיין: צוויי אידען, איינער אַ רעליגיעזער און דער צווייטער פֿריי פֿון רעליגיע, געהן אריין אין אַ קיך און עס פֿאַרשמעקט זיי די פּאַטראַוועס וואָס עס קאָכט זיך דאָרט. דער ניט רעליגיעזער וועט ניט פֿרעגען קיין פֿראַגעס, ער וועט זאָגען „העליתני מן האדם הזה", איך ג'ין הונגעריק, עס שמעקט מיר די אכילה וואָס עס קאָכט זיך דאָ: טאָ דערלאַנג מיר עסען. דער רעליגיעזער איד, וואָס איהם שמעקט אויך דאָס מאכל, וועט אָבער פֿריהער פֿרעגען, „וואָס קאָכט זיך דאָרט?" און ווען מען וועט איהם ענטפֿערן, אַז עס איז „העם און עגגס" (אייער געפֿרעגעלט אין חזר שמאַלץ), וועט ער באַהערשען זיין תּאוה, ווייל זיין אידעאַל פֿאַרבאָט איהם דאָס צו עסען. דורך דעם באַווייזט דער רעליגיעזער איד, אַז ער איז דער בעל-הבית אויף

זיינע פֿאַרלאַנגען און ניט קיין שקלאַף צו זיי. ווען עס קומט שבת, מעג דער רעליגיעזער איד זיין דער גרעסטער לײַדענשאַפֿטליכער רויכערער, וועט ער זיך באַהערשען פֿון רויכערען, ווייל זיין אידעאַל האָט איהם אָנגעזאָגט „לא תבערו אש ביום השבת”, און ווען עס שטעהט איהם פֿאַר אַ נסיון פֿון לײַדענשאַפֿט, וועט ער זיך באַהערשען, ווייל אויך דאָ באַפֿעהלט איהם זיין אידעאַל „לא תחמוד אשת רעך”. און אַזוי ווען איהר וועט זיך אויפֿמערקזאַם צוקוקען, וועט איהר זעהן אַז רעליגיע אַרבעט אוים אין מענשען אַ שטאַרקען קאָנטראָלירענדען גייסט — אַ גייסט פֿון פֿליכטען און ניט פֿון הפֿקרות. איך וויל מען זאָל מיך דאָ ניט מיספֿאַרשטעהן, איך מיין ניט גראַדע, אַז נאָר רעליגיעזע מענשען קענען זיך באַהערשען און ניט רעליגיעזע זיינען שוואַכלינגע און הפֿקר מענשען; ניין! יעדער מענש, קיין אונטערשיד צי אַ רעליגיעזער איד אָדער אַ רעליגיעזער קריסט, סאָציאַליסט, אַנאַרכיסט, קאָמוניסט, אָדער וואָס פֿאַר אַן „איסט” ער זאָל ניט זיין, דענקענדיג אַז זיין אידעאַל איז מאָראַליש גרויס געגונג אויסצובעסערען דעם מענשען׳ס כאַראַקטער און פֿאַרשעהנערען די וועלט דורך גערעכטיגקייט און יושר — דער מענש איז ניט פֿאַרשקלאַפֿט צו זיין אידעאַל, ספּעציעל ווען ער איז אויסגעהאַלטען און האַנדעלט נאָך דער לעהרע און פּרינציפּען, אָפּפֿערענדיג מיט זיינע אייגענע אינטערעסען פֿאַר די אינטערעסען פֿון כלל. יאָ, ווען איינער אָפּפֿערט זיינע עגאָאיסטישע אינטערעסען און פֿאַרלאַנגען צוליב דער לעהרע פֿון זיין אידעאַל, איז עס ניט דערפֿאַר ווייל זיין אידעאַל אָדער רעליגיע האָט איהם פֿאַרשקלאַפֿט. ניין! נאָר פֿאַרקערט. וואָס מעהר ער באַהערשט זיינע פֿאַרלאַנגען, ווייל ער פֿיהלט אַז ער וואָלט באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכען קעגען זיינע פּרינציפּען, איז ער אַ פֿרייער מענש אין זיין גייסט, ווייל ער נעמט אויף זיך פֿליכטען פֿרייוויליג פֿאַר דער טובה פֿון דער מענשהייט.

דער, וואָס איז פֿריי פֿון פֿליכטען, איז ניט קיין פֿרייער מענש נאָר
אַ הפֿקר יונג. אָבער עס דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערען, אַז ווי גרויס
און וויכטיג דער מענש זאָל ניט דענקען פֿון זיין אידעאַל, און ווי
זיכער ער זאָל ניט זיין ביי זיך אַז זיין אידעאַל איז דער בעסטער,
און ווען ער ווערט רעאַליזירט וואָלט דאָס געווען אַ גרויסער גליק
פֿאַר דער גאַנצער מענשהייט, האָט ער נאָר איין רעכט — און דאָס
איז די רעכט צו פּרעדיגען און אויפֿקלערען זיינע מיטמענשען ווע-
גען זיין אידעאַל, אָבער פֿאַר קיין פֿאַל איהם ניט אַרויפֿצווינגען
מיט גוואַלד אויף אַנדערע. דער צוועק, מעג ער זיין דער בעסטער,
טאָר ניט פֿאַרהייליגען נידעריגע מיטלען. דאָ האַלט איך מיט אונ-
זערע נביאים, וואָס האָבען געפּרעדיגט „זאָל יעדעס פֿאָלק געהן
מיט זיין גאָט און מיר וועלען געהן מיט אונזער גאָט"...